№ 33 אבצעגטער יאָהרגאנג
פרייז 20 גראשען.
„CZENSTOCHOWER CAJTUNG"

טשענסטאכאווער צייטונג

Bib. Jagiellońska
Kraków
Inv. Ang. 19

אבאָנאמענטס-פרייז א נומער 20 גראָשען.
פּורעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 22-01.
פארן אינהאלט פון די אנאָנסען איז די רעדאקציע נישט פאראנטוואָרטליך.

רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
ערשטע אלעע נר. 6. — טעלעפאָן נר. 22-01
ערשיינט יעדען פרייטאג.

אנאָנסען-פרייז פאר א מילימעטער שורה:
פאר'ן טעקסט 40 גראָשען, נעבן טעקסט 20 גראָשען
אין טעקסט 60 גראָשען.
די ערשטע און לעצטע זייט העלט 8 אנאָנסען שפאלטען.

Częstochowa, Piątek 18 sierpnia 1939 | ליכט-צינדען 6,42 | פרייטאג פ' שפטים ג' אלול תרצ"ט

נ"ע משה בן ר' שמחה ארי' ז"ל ווייגבוים

איז געשטאָרבען נאָך קורצע און שווערע ליידען אין עלטער פון 86 י.

די לויה איז פארגעקומען דאנערשטאג פ' שופטים ב' אלול ת"צ"ט (דעם 17 אויגוסט 1939 י.)

די אלע, וועלכע האָבען אנטייל גענומען אין דער לויה און אָבגעגעבען אונזער טייערען נפטר דעם לעצטען כבוד, דריקען אויס דעם אינניגסטען דאנק, די אין טיעפען טרויער פערבליבענע

זיהן, טאכטער, שנירס, איידעם, אייניקלעך און אוראייניקלעך.

די אלע, וועלכע האבען אנטייל גענומען אין דער לויה פון אונזער אונפערגעסליכער מוטער

נ"ע לאה אבראמאוויטש

וועלכע איז פארגעקומען מאנטאג ערב ראש חודש אלול תרצ"ט (דעם 14 אויגוסט 1939) דריקען אויס דעם אינניגסטען דאַנק

די אין טרויער פערבליבענע

זיהן, טעכטער, איידעמס, שנירען, אייניקלעך, אוראייניקלעך און פאמיליע.

אָוועגד - קורסען ביי דער האַנדווערקער - שולע

גארנצארסקא 8.

אלע שילער, סיי די, וואס ווילען ערשט אָנקומען אויף דער אָווענד-שולע ווי אויך די שילער, וועלכע לערנען זיך שוין אויף די אָווענד-קורסען דאַר-פען זיך פארשרייבען אין דער קאַנצעלאַריע, גארנצארסקא 8.

די איינשרייבונגען קומען פאָר פון 20 שערפּיען ביז'ן 30 שערפּיען ה. י. איינשליסליך פון 9 ביז 1 מיטאג און פון 5 ביז 7 אָווענד.

הננו מביעים בזה את רגשי השתתפותנו החמה בצערם של מחותנינו
מר אייזיק אבראמאוויטש ומשפחתו
למות עליהם א מ ם העדינה

נ"ע לאה

המקום ינחם אותם ולא יוסיפו לדאבה עוד.

יהודא ענגעל ומשפחתו.

מיר בעטייליגען זיך אין צער פון אונזער חשוב'ען גבאי
ה' איידיק אבראמאוויטש צום טויט פון זיין מוטער

נ"ע לאה

המקום ינחם אותו ולא יוסיף לדאבה עוד.

**הגבאים ומתפללים דבית התפלה
רחוב ווארשאווער 17.**

מיר נעמען אנטייל אין צער פון אונזער גוטען פריינד
ה' אייזיק אבראמאוויטש און פאמיליע צום טויט פון זייער מוטער

נ"ע לאה

און דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל

שלמה אורבאך און פרוי.

מיר נעמען אנטייל אין צער פון אונזער פאָדסטאַרשע
ה' שלמה שטשעקאַטש צום טויט פון זיין

נ"ע מוטער

און דריקען אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל.

יודישער מעטאַל-צעך

DO WYNAJĘCIA

lokal frontowy, I-e piętro Aleja 12.
Wiadomość u dozorcy.

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA
„KRYSZTAŁ"

**ul. Berka Joselewicza 2
i Warszawska 37.**

מאכט בעקאַנט, אז איצט ווערט געוואשען מיט א הערליכען שפּיגעל-גלאַנץ, וואס איז נאָך ביז איצט אין טשענסטאָכאָוו נישט געווען. כדי צו איבערצייגען ווענען דעם די קונדשאפט האָבען מיר

פערביליגערט די פרייזען:
א קאָלנער מיט א הערליכען גלאַנץ 12 גר.
א העמד — — — 40 „

אויך זענען פערביליגערט געוואָרען די פּרייזען אויף כעמיש וואשען און פארבען. פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ'ן אָרט.

ספעציאַליטעט: פארבען לעדערנע קורטקעס



הנני משתתף בצערם הגדול של משפחת ויסבלום
במות עליהם בעלה ואביהם היקר

ר' יעקב יוסף הלוי ז"ל

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

ישראל משה פראנק

מיין פריינד שלמה שטשעקאטש צום טויט
פון זיין

נ"ע מוטער

מיין טיפסטען מיטגעפיהל.

ישעיהו בראַנדעס

אונזער געעהרטען שעף ה' אייזיק אבראמאָוויטש
און פאמיליע צוליב'ן טויט פון זיין מוטער

לאה נ"ע

דריקען אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל.

**חיים גרוימאן, לייב מאיעראָוויטש,
יעקב ראָזענצווייג.**

Szefostwu p.p. MANDEL
z intencji zaślubin Córki p. Reni z p. Abramem Lewkowiczem
życzy dużo pociechy i szczęśliwego współżycia Młodej Parze
ABRAM HAFTKA.

מיין חשוב'ען שעף ה' **הערצקע מאנדעל** און פרוי
צו דער חתונה פון זייער טאכטער **רבקה** מיט ה' **אברהם לעווקאָוויטש** פון ראדאמסק
ווינשען א הארציגען מזל-טוב **ברוך הויזשפיגעל** און פרוי.

צו די תנאים פון מיין קאָלעגע
לייזער טרעמבאצקי מיט פרל. **העלא פרידמאן**
ווינשט א הערצליכען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט **אברהם ריימאן**

Z intencji zaręczyn kolegi naszego LEONA TREMBACKIEGO z panną HELĄ FRYDMANÓWNĄ życzą wiele szczęścia i promiennej przyszłości
BRACIA MISKA, RODZINA CHORON

TOWARZYSTWO ŻYDOWSKICH SZKÓŁ ŚREDNICH i POWSZECHNYCH

w Częstochowie, Jasnogórska 8-10

zawiadamia, że

EGZAMINY

do szkoły powszechnej, gimnazjum i liceum rozpoczną się po feriach w dniu 1 września o godz. 9 rano.

Zgłoszenia przyjmuje kancelaria codziennie od 9—11 rano.

Szkoła Dokształcająca Zawodowa Żeńska dla terminatorek

Związku Rzemieślników-Żydów

podaje do wiadomości, że zapisy na rok szkolny 1939-40 odbywać się będą od **24** sierpnia do **1** września w kancelarii szkoły przy ul. Przemysłowej 10 w godz. 17—20.

Przy zapisie nowowstępujące winne przedstawić metrykę urodzenia, ostatnie świadectwo szkolne, podanie pracodawczyni(cy) o przyjęcie pracowniczki do szkoły (blankiety podań wydaje bezpłatnie kancelaria szkoły) oraz 2 fotografie.

Sprzedaż Naczyń Kamiennych i Ogniotrwałych

i specjalne garnki kwasoodporne dla celów chemicznych, także przyjmujemy zamówienia na wanny kamienkowe do niklowania i chromowania oraz dla celów fotograficznych.

NOWY RYNEK 2, II podwórze.

זונטאג, דעם 20 אויגוסט ד. י. 9 א זייגער פריה אין דער שוהל „שערי ציון" קומט פאָר

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער געז. „תומכי עניים"

טאָג-אָרדנונג: 1) ערעפענונג און וואהל פון א פּאָרזיצענדען. 2) בעריכט. 3) בודזשעט אויפ'ן יאהר 1939/40. 4) וואהלען פון א פערוואלטונג. 5) וואהלען פון א רעוויזיאָנס קאָמיסיע. 6) פרייע פּאָרשלאָגען.

בעמערקונג: אין פאל ווען עס וועלען צום בעשטימטען טערמין נישט זיין אנוועזענד די געהעריגע צאהל מיטגלידער, וועט די פערזאמלונג פארקומען 10 א זייגער פריה און וועט זיין גילטיג ביי יעדער צאהל אנוועזענדע.

די אלע, וועלכע האבען זיך בעטייליגט אין דער לויה, וועלכע איז פארגעקומען פרייטאג, ד. 11 אויגוסט 1939 (כ"ו מנחם אב תרצ"ט) און אבגעגעבען דעם לעצטען כבוד אונזער טייערען מאן און פאטער

נ"ע אברהם מאיר לעמעל

דריקען אויס דעם הערצליכסטען דאנק

פרוי און קינדער.

מיר בעוויינען דעם טויט פון אונזער לאַנגיעהריגען מתפלל און גרינדער פון אונזער שוהל

נ"ע אברהם מאיר לעמעל

דער פער'יתום'טער פאמיליע דריקען מיר אויס דעם טיפסטען מיטגעפיהל.

**גבאים און מתפללים
פון דער שוהל אלעע 36.**

צי איז וויוקליך נישטאָ קיין פערשטענדניש?

צום וויפיעלטען מאָל האבען מיר שוין אַלאַרמירט די היגע יודישע עפענטליכקייט אויף דעם טראַגישען גורל פון די פליטים, אַרויסגעטריבענע פוילישע יודען פון דייטשלאַנד, וועלכע געפינען זיך אין טשענסטאכאוו און פונדעסטוועגען האט דאס געוויסען פון אונזערע היגע יודען זיך נאך נישט אָבגערופען.

עס העלפט נישט דאס, וואס מען האַלט אין איין צונויפרופען פערזאַמלונגען און זיצונגען. אונזערע כלל-טהוער, געזעלשאַפטליכע און פאַרטיי-טהוער, וועלכע האבען א פול מויל מיט פראַזען וועגען יודישע ליידען, בעת זיי דאַרפען אַדורכפיהרען עפיס א פאַרטיי-אַקציע, זענען אָבער טויב צו די ליידען פון אונזערע פליטים, וועלכע זענען געפאַלען אַלס קרבנות פון היטלעריסטישען טעראָר.

עס איז ווירקליך נישט צו פערשטעהן ווי אַזוי דער יוד, וועלכער האַלט, אַז ער איז די איידעלסטע ראַסע, אַביי וועלכער דאס רחמנות - געפיהל צום נאָהנטען פערנעמט דעם אויבענאָן, זאָל אין אַנבליק פון דער שוידערליכער טראַגעדיע בלייבען גלייכגילטיג, אַזוי ווי עס געהט איהם גאָרנישט אָן.

עס איז געווען געמאָלדען אין דער פרעסע, אַז נאך לאַנגע און שווערע ליידען איז ענדליך צונויפגעשטעלט געוואָרען א קאָמיטעט, וואס וועט זיך בעשעפטיגען מיט דער פליטים פראַגע. און באַלד ווי דער קאמיטעט איז צוגעטרעטען צו דער אַרבייט, ווייזט זיך אַרויס, אַז ס'איז נישטאָ קיין פערשטענדניש פאַר דער דאָזיגער זאַך ביי די היגע יודען, די איינגעלאַדענע קומען נישט אויף די זיצונגען, אַזוי, אַז די אַרבייט ריהרט זיך נישט פון אָרט.

פערהאַנען אַזעלכע, וועלכע ווילען פערטויבען זייער געוויסען מיט דער טענה, אַז פערהאַנען ביי אונז א סך אָרימע יודען. די פליטים אָבער זענען דאך ערשט געווען פערמעגליכע בירגער, זיי האט דאך א בייזע האַנד אויסגעריסען מיט'ן וואָרצעל נאָר דערפאַר, ווייל זיי זענען יודען, דאַרפען מיר דאך האבען די מאָראַלישע פליכט זיי צו העלפען, מיר מוזען דאך וויסען דער מלכות הרשעה, אַז מיר, יודען, וועלען זיך נישט לאָזען פון איהר פערניכטען.

מיט דעם, וואס מיר זענען גלייכגילטיג צו די צרות פון די פליטים, בעווייזען מיר דאָך, אַז מיר, יודען, גיבען זיך לייכט אונטער דעם טעראָר, די אויסראָטונגס פאָליטיק פון בייזסטען שונא פון אַלע צייטען און דורות.

אין פאַל טשענסטאָכאָוו איז נישטאָ אַזוי פיעל אַרבייט, כדי צו ערלעדיגען די פליטים פראַגע, פערהאַנען סך-הכל עטליכע צעהנדליגג פליטים, וואו ביי א גוטען ווילען וואָלט מען זיי געקאָנט איינאָרדנען ביי אַרבייט, אַזוי, אַז זיי זאָלען נישט פאַלען צו לאַסט דער געזעלשאַפט און גאָר איינצעלנע וואָלט מען געדאַרפט אויסהאַלטען.

עס דרעהען זיך אַרום ביי אונז די עטליכע פליטים ווי א סטאַדע פערבלאָנדזשעטע שעפסען און האבען זיך נישט וואו אַהינצוטהון, זייערע אויגען בלאָנדזשען אין חלל און אויף זייערע ליפען שוועבט די פראַגע: מאין יבא עזרנו?

טשענסטאָכאווער יודען, צום טויזענדסטען מאָל שטעלט זיך די פראַגע: צי זענען מיר ווירקליך אַזוי מגושם'דיג געוואָרען, צי געפינט זיך נישט אין אונזער ברוסט קיין איין מענשליכער פונק, צי איז ווירקליך נישטאָ פאַר אַזאַ וויכטיגע לעבענס פראַגע ביי אונז קיין פערשטענדניש?

ש.

קורצע ידיעות פון דער וואָך.

— דער פוילישער צאָל-אינספעקטאָר יאַן ליפינסקי, וועלכער איז פאָריגע וואָך פערמשפט געוואָרען דורכ'ן דאַנציגער געריכט אויף אַנדערטהאַלבען יאָהר תפיסה, איז אויף דער אינטערווענץ פון פוילישען גענעראַל-קאָמיסאַר אַרויסגעלאָזט געוואָרען פון תפיסה אַלס אויסטויש פאַר א דאַנציגער צאָל-בעאַמטען. דער פוילישער בירגער שולץ, וועלכער האט עדות געזאָגט לטובת ליפינסקין, איז אויך בעפרייט געוואָרען פון אַרעסט.

— אין די היטלעריסטישע קאָנגרעסען אין נירענבערג פלעגען זיך געוועהנליך בעטייליגען אויך בעלנים פון פוילען. היי-יאָהר וועט אָבער קיינער פון פוילען שוין נישט פאָהרען.

— ביז'ן 25 אויגוסט דאַרפען די פילם אונטערנעהמונגען אין „פראָטעקטאָראַט“ בעזייטיגען לויט אַנ'אינסטרוקציע אַלע זייערע יודישע אַנגעשטעלטע און זיי פערטרעטען מיט אַרישע אַרבייטס קרעפטען.

— אין בראַטיסלאַווא קומען פאָר כיסטעמאַטישע אַנפאַלען אויף דייטשען, וועלכע ווערען דערביי שטאַרק צושלאַגען. די סלאָוואַקישע פרעסע וואַרפט אַרויף די שולד פון די אַנפאַלען אויף די יודען.

— די רעגירונג פון גוואַטעמאַלאַ האט געלאָזט וויסען, אַז להבא וועלען אַריינגעלאָזען ווערען בלויז אַזעלכע פליטים, וואס האבען שוין אין גוואַטעמאַלאַ קרובים.

— די בעגעגעניש צווישען די מיניסטאָרען טשיאַנאָ און ריבענטראָפּ האט זיך געענדיגט מיט א פרישער מפלה פון דער דייטש איטאַליענישער דיפלאָמאַטיע. אונגאַרן האט זיך אָבגעזאָגט צוצוטרעטען צום דייטש-איטאַליענישען מיליטער-בונד און אויך יאַפאַן האט זיך נישט געלאָזט אַריינציהען. בנוגע דעם דאַנציגער קאָנפליקט איז נישט געקומען צו קיין הסכם. טשיאַנאָ האט קאַטעגאָריש ערקלערט אין נאָמען פון מוסאָליני, אַז איטאַליען וויל נישט קיין וועלט-מלחמה צוליעב דאַנציג.

— נאָך א לענגערער ראַק-קראַנקהייט איז נפטר געוואָרען הרבנית דבורה אסתר פינקלער, די פרוי פון ראַדאָשיצער רבי'ן, הרב חיים אשר.

— דער בעקאַנטער באַנקיר מאַנהיימער, וועלכער איז געשטאַנען אין דער שפיץ פון דער באַנק מענדעלסאָן עט קאָמפ. אין אַמסטערדאַם איז בעגאַנגען זעלבסטמאָרד אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואס מאַנהיימער'ס באַנק געפינט זיך לעצטענס אין צאַהלונגס שוועריגקייטען.

— דער אַרויסגעבער פון ניו יאָרקער „מאָרגען-זשורנאַל“ ישראל פוירקין איז נאָך א לענגערער קראַנקהייט בעת זיין ווילען אין בוא (פראַנקרייך) געשטאָרבען אין עלטער פון 49 יאָהר.

— די אויסטראַלישע פעדעראַל-מאַכט האט צייטווייליג אָבגעשטעלט דאס געבען איינרייזע-ערלויבנישען פאַר פליטים-דאָקטוירים.

— די לאָנדאָנער פרעסע טיילט מיט, אַז דער פערביסענער שונא ישראל יוליוס שטרייכער, דער רעדאַקטאָר פון „שטירמער“ איז געפעהרליך קראַנק.

— די פראַנצויזישע פרעסע טיילט מיט וועגען א גרויסער אַנטי-היטלעריסטישער אקציע אויפ'ן שטח פון דער פריישטאַדט דאַנציג, וואו עס ווערען פערשפרייט הונדערטער טויזענדער פלוג בלעטלעך אין וועלכע עס ווערט אַגיטירט געגען פעראייניגען דאַנציג מיט דייטשלאַנד.

— אין לאָנדאָן ווערען געפיהרט פוליש ענגלישע דיפלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען וועגען פערוואַנדלען די ביו-איצטיגע פויליש-ענגלישע געגענזייטיגע גאַראַנטיעס אין א מיליטערישען בונד.

— עס איז געשלאָסען געוואָרען די וועלט-קאָנפערענץ פון „מזרחי“. פאָרזיצער פון דער ניי-געוועהלטער וועלט-עקזעקוטיווע פון „מזרחי“ איז הרב מאיר בערלין. אין דער אָנגענומענער רעזאָלוציע פאָדערט דער „מזרחי“ אָבצושטעלען די מיטאַרבייט מיט דער רעגירונג ביז דאס ווייס בוך וועט אָבגערופען ווערען.

— אין פרעכסיג-דעקאָרירטען זאַל פון דעם גרויסען זשענעווער שטאָדטישען טעאַטער איז פייערליך געעפענט געוואָרען דער 21-טער ציוניסטישער קאָנגרעס אין דער אַנוועזענהייט פון העכער 500 דעלעגאַטען און זעהר פיעל געסט. די ערעפנונגס-רעדע האט געהאַלטען מ. מ. אוסישקין.

— דער מלוכה'שער פערלאַג האט בעשטעלט 4 לערן ביכער, געווידמעט דער יודישער געשיכטע ביי די יודישע געלעהרטע: דר. טאַרטאַקאָווער, דר. פריידמאַן, פראָפ. האַצענער און פראָפ. ווינקלער. די ביכער זענען בעשטעטיגט געוואָרען צום נייעם שול-יאָהר אין אַלע שולען, כדי פון זיי צו לערנען די יודישע געשיכטע.

— מיעטשיסלאַוו קאָס, א פיזישער אַרבייטער פון איינער פון די מיליטערישע אָבטיילונגען אין קראָקא, איז דורכ'ן מיליטערישען קרייז-געריכט אין קראָקא פעו'משפט געוואָרען צו טויט-שטראָף פאַר פערראַטען געהיימניסען לטובת א שכנות'דיגער מלוכה. דער אורטייל איז אויסגעפיהרט געוואָרען.

— דער געוועזענער פיהרער פון די כאַדעקעס וואָיטשעך קאָרפאַנטי איז נאָך א לענגערער קראַנקהייט געשטאָרבען אין א וואַרשאַווער קליניק.

— אין משך פון לעצטען יאָהר זענען פאָרגעקומען 1500 פראָצעסען פאַר בעגעהן פערשידענע דעוויזען-פערברעכענס.

— אויף די מזרח ברעגעס פון די פעראייניגטע שטאַטען האבען זיך אָנגעהויבען גרויסע מאַנעווורעס פון דער אַמעריקאַנער רעגולערער אַרמעע. אין די מאַנעווורעס נעמען אָנטייל 100 טויזענד זעלנער. עס וועלען אַנגעוואָנד זיין די מיליטערישע אַטאַקעס פון די אויסלענדישע מלוכות.

— נעבען בקור-חולים-שפיטאַל אין ירושלים האט אויפגעריסען א באָמבע פון א גרויסער קראַפט. עס זענען שווער פערוואונדעט געוואָרען די פרויען סאָניאַ האוו און מלכה שוסטער. עס זענען אויך פערהאַן 9 לייכט פערוואונדעטע.

וואַסער אויף דער מיהל...

פעליעטאָן

זיצענדיג ביים ראַדיאָ און זוכענדיג סטאַציעס האָב איך צופעליג אָנגעטראָפען אויף א דייטשע סטאַציע, וועלכע האט געגעבען אַנ'אויודיציע אין דער פוילישער שפראַך.

די נייגעריגקייט איז געווען שטאַרקער פון ווילען און כ'בין מודה, אַז איך האָב אויסגעהערט די דאָזיגע אוידיציע ביז'ן סוף. כ'האָב אַפילו געקריצט מיט די ציין איבער די אונגעהויערע ליגענס, וואס מען האט דאָרט אָנגעשפּיגעלט, כ'האָב אויך געשוואויגען מעהר דעם ראַדיאָ נישט אָנצורירען אויף דער דאָזיגער סטאַציע אין דער בעשטימטער שעה, נאָר פונדעסטוועגען בין איך געזעסען און געהערט, און כ'בין געוואויר געוואָרען, אַז אונזערע היימישע ענדעקעס מיט זייער גיפט געגען דער יודישער בעפעלקערונג אין פוילען גיסען וואַסער אויף דער דייטשער מיהל.

דער ספיקער פון דער דייטשער אוידיציע אויף פויליש, האט אין א שעהנער פוילישער שפראַך קודם כל גענעבען צו פערשטעהן דעם שכל פון דער ראַסען טעאָריע און דערביי געברענגט אויסצוגען נישט נאָר פון „פאָלקישען בעאָבאַכטער“, נאָר זויך פון „א ב צע“ און „דזיענניק נאַראָדאָווי“, אויפווייזענדיג, אַז די רעכטע פאַרטייען אין פוילען האַלטען, דאס יודען זענען א נגע צרעת אויפ'ן קערפער פון יעדען פאָלק, מיט וועלכען זיי לעבען אין שכנות. אָבפערטיגענדיג זיך מיט יודען איז דער זעלבער ספיקער אַריבער צו זידלען די פאָליאַקען מיט אויסגעדראָשענע געמיינע צביעות און העטליכע רכילות'ן.

ס'איז בלי ספק, אַז קיין שום פאָלאַק, אויב ער הערט די דאָזיגע אוידיציע, ווערט נישט נתפעל דערפון. פערקעהרט, עס זאַמעלט זיך אָן אין זיין האַרצען געגנוג שנאה געגען דער העטליכער דייטשער פראָפּאַגאַנדע, וואס דערגרייכט ביז עקעל און פערשטאַרקט נאָך ביי יעדען פוילישען בירגער דעם בעוואוסטזיין, אַז ער מוז פערדאָפּלען זיינע נערווען, כדי אויסצוהאַלטען די ווייטע מלחמה און זיין געזונט און גרייט מקריב צו זיין זיין לעבען, אויב עס וועט אונז אָנגעוואָרפען ווערען א מלחמה מיט געוואַלד. דערביי מוז אָבער פעסטגעשטעלט ווערען, אַז אונזערע היימישע ענדעקעס בעגעהען א פערברעכען געגען פאַטערלאַנד, אויב זיי קאָנען אין דער איצטיגער גורל-שעה, ווען די שווערד שוועבט פאַר די אויגען, זיך נישט בעפרייען פון דעם שנאת חנם געגען יודען און העלפען גיסען וואַסער אויף די רעדער פון דער דייטשער מיהל.

מיר קומען זיך נישט פערטיידיגען פאַר די היימישע ענדעקעס, עס ווילט זיך נאָר אַזוי אַראָבערעדען פון האַרצען און אָט וואָס:

מיר, פוילישע יודען, זענען פון טויזענד יאָהר אָן פערבינדען מיט לייב און לעבען מיט דער פוילישער ערד. אויך דאַמאָלס, ווען מען האָט אונז בעהאַנדעלט ווי שטיף קינדער האָבען מיר עס מקבל באהבה געווען, גלויבענדיג, אַז עס וועט קומען א צייט, ווען דאס פאָלק וועט דערזעהן אונזער צוגעבונדענקייט צום לאַנד. מיר, יודען, געהערען איבערהויפט צו דעם עלעמענט, וועלכער לייזט מיט יעדנמס ליידען און פרעהען זיך מיט יעדנעמס פריידען. אין דער גאַנצער צייט, ווען דאס פוילישע פאָלק איז געווען פערקנעכטעט צו די דריי מלוכות האבען מיר מיטגעליטען און ביי יעדער געלעגענהייט ווען דאס פוילישע פאָלק האט ערוואַכט און אויפגעהויבען א בונט געגען די אונטערדריקער, האבען מיר זיך תמיד געשטעלט אין די פאָדערשטע רייהען און אונזער לעבען מקריב געווען פאַר פוילענס בעפרייאונג. דאס איז נישט קיין פראַזע. לייענט די געשיכטע פון קאָשטשושקי'ס אויפשטאַנד וועגען דעם העלדישען יודישען פולק ביי פראַגע, די אויפשטענדען אין 1863-טען יאָהר, אין 5 טען יאָהר, דאַן אין די לעגיאָנען פון מאַרשאַל פילסודסקי אין 1914-טען יאָהר, אומעטום וועט איהר בעגעגענען יודען, וועלכע זענען געווען גרייט און האבען טאַקי זייער לעבען מקריב געווען פאַר דער פוילישער פרייהייט, אַזוי, אַז מיר דאַרפען נישט קיין אַטעסטאַט פון אונזער צוגעבינדענקייט צו דער מאַמע פוילען. הייסט עס דאָך, אַז מיר זענען נישט קיין פאָפירענע פאַטריאָטען, ד. ה. דאַמאָלס ווען עס לוינט זיך אונז, נאָר ווייל אונזער מענטאַליטעט, אונזער גאַנצע וועלט אַנשויאונג איז צו קאַמפען אויף דער זייט פון די נרדפים, פון די בע'עולה'טע.

אונזער שנאה צו היטלער דייטשלאַנד נעמט זיך נישט נאָר צוליב די אויסטערלישע רציחות, וואס ווערט דאָרט בעגאַנגען געגען אונזערע ברידער, נאָר צוליב דעם וואס דייטשלאַנד וויל בערויבען דאס ניי אויפגעשטאַנענע פוילען פון איהר אונאָבהענגיגקייט און וויל זי פערשקלאַפען. און וואָלט איצט אין דייטשלאַנד נישט געווען קיין היטלער מיט זיין ראַסען-האַס און ווילדע רויבערישע רציחות, נאָר ווען עס וואָלט געווען א דייטשלאַנד, וואס וואָלט יודען בעהאַנדעלט ווי מענשען און וואָלט געוואָלט אָנפאַלען אויף פוילען, וואָלטען מיר, פוילישע יודען, געטהון דיזעלבע פוילישע פאַטריאָטען, וואס מיר זענען איצט. און א טעות, נישט קיין טעות, נאָר א בעוואוסטזיניגען ליגען זאָגען די ענדעקישע פובליציסטען מיט זייער „בן-תורה“ אין דער שפיץ, מורינו ר' טושטשאָק, אַז יודען האבען נאָר פיינד היטלער'ן, ווייל ער מאָרדעט זיי און האבען ליעב דייטשלאַנד. טויזענד מאָל נישט אמת, מיר האבען פיינד די אַלע פעלקער, וועלכע ווילען בויען זייער לעבען אויף יענעמס אומגליק און דערפאַר אויך אפילו אַנ'אַנדער דייטשלאַנד, א פריינדליכעס צו יודען, וואָלט בעדראָהט פוילענס אונאָבהענגיגקייט, וואָלטען מיר יודען, געגען איהר געקעמפט מיט אייפער און מיט'ן גאַנצען מסירת נפש.

מיר האבען טראַץ אַלעמען ליעב פוילען. עדשטענס, ווייל מיר וואוינען דאָ אין משך פון טויזענד יאָהר, מיר זענען צוזאַמענגעוואַקסען מיט דער ערד; צווייטענס, ווייל אינוערצייט ווען אַנדערע פעלקער האבען אונז געיאָגט און גע'רודפ'ט, האט אונז דאס פוילישע פאָלק אויפגענומען פריינדליך און אונז געגעבען די מעגליכקייט צו לעבען און דריטענס, ווייל מיר גלויבען אַז דאס פוילישע פאָלק, נישט די פאָליטיקער, וועלכע ווילען מאַכען קאַריערע צוליב זייער שנאה צו יודען, נאָר דאס עכטע פוילישע פאָלק, אין דער טיפעניש פון די מאַסען איז פערהאַנען אַנ'אויפריכטיגע פערשטענדניס פאַר אַלע ליידענדע און פעראַכטעטע און טראָגט נישט קיין האַס צו יודען, נאָר ליבע און ברודערליכקייט.

איבעריגענס, קאָן מען דאס, וואס מיר, יודען, זענען אַזוי צוגעבונדען צו פוילען נישט געבען צו פערשטעהן מיט קיין קאָמענטאַרען, פונקט אַזוי ווי מען קאָן נישט אויסטייטשען פאַר וואָס מיר האבען ליעב אונזער מוטער, מיר האָבען זי ליב אָהן צו וויסען פאַר וואָס.

די וועלט לעבט אין פיבער, אויף אַלעמענס ליפען שוועבט דער פראַגע-צייכען: וואס וועט דער מאָרגען ברענגען? איבערהויפט וועגען מיר געשפאַנט דאָ, אין פוילען, אויף וועמענס גרעניצען דער שונא לויערט דאַרף דאָך אוודאי זיין די צעמענטירונג פון גאַנצען פאָלקס איינהייט און ווער נאָך פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען, וועלכע בעוואוינען פוילען איז אַזוי ווי די יודישע נאַציאָנאַלע מינדערהייט איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען דעם פוילישען מלוכה-אינטערעס? דאַרף מען דאָך אוודאי דאס אָבשאַצען. קומען דוקא אין אַזאַ מאָמענט די ענדעקעס, די סלומר'שטע פאַטריאָטען און וואַרפען אין אונז א שטיין, איז דאס א פערראַט געגען די אינטערעסען פון דער פוילישער מלוכה.

די דייטשען רויבען טאַקי יודען, אוודאי זענען זיי העלדען געגען די אונבעוואָפענטע, פרידליכע יודען. וואָלט מען נאָר געקאָנט זיך זיי אָקעגענשטעלען, וואָלטען זיי אַזעלכע העלדען נישט געווען. דאס היטלער דייטשלאַנד איז איבערהויפט העלדיש געגען די יעניגע, וועלכע שטעלען זיך זיי נישט אַקעגען, והראיה, ווען פוילען האט מיט ווירדע און שטאָלץ זיך זיי אַקעגענגעשטעלט אין ענין דאַנציג, האוקען זיי נאָר, אָבער אָנריהרען וועלען זיי עס נישט, דאס זעלבע איז און אויף אַנדערע געביטען.

די דייטשע פראָפּאַגאַנדע הויבט אָן צו העצען אויף יודען, ווייל דאס איז דאס לייכטסטע און דאַנקבאַרסטע פעלד, פאַר יודען וועט זיך דאָך קיינער נישט אָננעמען. מען וועט זיך צוהערען און אַשר געבען א שמייכעל, אויך דערביי שמוגלען זיי אַדורך זייער העטליכע פראָפּאַגאַנדע געגען פוילען. ווייל די שנאה געגען יודען איז דאָך נאָר ביי זיי א מיטעל, כדי צו דערגרייכען דעם אייגענטליכען ציעל. און דאַ ליגט די סכנה, וואס די ענדעקעס אין זייער בלינדע שנאה צו יודען, דערזעהן נישט די אייגענטליכע כוונה פון דער דייטשער העטליכער פראָפּאַגאַנדע.

אונז, יודען, וועט גאָר נישט אָבשרעקען, מיר וועלען ביי אַלע אומשטענדען און בעדינגונגען מיט מסירת-נפש פערטיידיגען מיט אונזער בלוט פוילענס אונאָבהענגיגקייט ווען די שעה וועט אויסשלאָגען, מעגען אפילו די ענדעקישע טעאָרעטיקער דרעהען מיט'ן גראָבען פינגער און אויף אונזער חשבון, אויסטייטשען וואס פאַר א בויך-סברות, פוילען איז אונזער פאָטערלאַנד און מיר וועלען עס צוזאַמען מיט אַלע בירגער פון לאַנד פערטיידיגען. מיר ווילען נאָר ביי דער געלעגענהייט פעסטשטעלען און עס דאָקומענטירען, אַז בעת די גאַנצע פוילישע בעפעלקערונג פערשטעהט די ערנסטקייט פון מאָמענט, זענען די ענדעקעס די איינציגע, וועלכע אין דעם אחריות'פולען מאָמענט פאַר פוילען, קאָנען זיך נישט אָברייסען פון זייערע אידעען-געגנאַסען, מעג יענער האבען די ערגסטע כוונות געגען זיי און העלפען מיט זייער פערדאָרבונגס-העצע געגען יודען, גיסען וואַסער אויף דער דייטשער מיהל...

סמאל

מיר מוזען אבהיטען די יוגענד.

און ווידעראמאל האבען די שולען — ווי יעדעס יאהר — ארויסגעשליידערט פון זייערע מויערען טויזענטער יודישע טעכטער און יונגעלייט, פאר וועלכע דאס ווייטערע שטודיום איז א זאך פון אונמעגליכקייט. סײ די עלטערן, ווי די קינדער, זענען פערטראכט און פערדאגהט מיט דער הארבער פראגע: וואס טהוט מען? ווי אזוי ארדענט מען זיך איין? וואס וועט איצט ווערען פון אונזערע קינדער? וואסער ציעל האבען זיי אין לעבען? אויף וועלכען וועג זאלען זיי געהן? צו וואס קענען זיי זיך צוריהרען און וואסער וועג קענען זיי זיך אויסטרעטען, בכדי צו האבען א צוקונפט?

שטודיום איז שוין געווארען א לעגענדע, וואוהין קיין יודישע נאז קען זיך נישט אריינבעקומען און אז עס גיט זיך איין א יוד אריינצוכאפען אין וועלכען עס איז פאקולטעט – איז דאס אן'אוננארמאל געשעהעניש, פשוט א נס מן השמים, אבער פאר די „גליקליכע", וואס האבען זיך אהין אריינבעקומען, פאר'ן מינימום פונ'ם הויבט זיך אן אינ'ם היכל פון דער קונסט און וויסענשאפט א לאנגע קייט פון צרות און רדיפות, אזוי, דאס יעדען טאג שפילען די קינדער מיט'ן לעבען.

נישט בעסער איז די סיטואציע, ווען ס'האנדעלט זיך וועגען א פראפעסיע, ווען א יודישער יונגערמאן וויל זיך אריינבעקומען אין א וועלכער ס'איז פאבריק, אויך דארט פערשפארט פאר איהם טהיר און טויער און דאס נישט בלויז אין די קריסטליכע פאבריקען, נאר אפילו אין יודישע. רעדט מען ווידער וועגען אלטעגליכע פאכען, אויס גען מלאכות, צו וועלכע ס'איז זיך לייכטער צו דערשלאגען, קומען זיי בכלל נישט אין בעטראכט, ווייל כמעט אומעטום איז אויף זיי דא א שטארקער איבערפלוס. צו וואס נאך פראדוצירען שניידערס און שוסטערס און טישלערס, וויבאלד זיי דרעהען זיך ארום אהן א שטאך ארבייט, וויבאלד זיי הונגערען צוזאמען מיט זייערע קינדערלעך? אמאל האט מען זיך דערמיט נישט געקרעבעט, ווייל אויב פוילען האט געהאט אן'איבערפראדוקציע אין וועלכען נישט איז פאך, איז די וועלט געווען גרויס און בריים, האט מען עמיגרירט, אזוי, אז יעדער בעל מלאכה האט זיך אויסגעפונען א ווינקעלע, וואו ער האט זיך פערדינט אויף זיין שטיקעל ברויט. דאס איז אבער אלץ געווען אמאל מיט 30–40 יאהר צוריק, ווען מענשען האבען געלעבט אין מאנארכיסטישע אימפעריעס, ווען די קולטור האט נישט דערגרייכט צו דער היינטיגער מדרגה. היינט איז די וועלט געשלאסען פאר דער מענשהייט בכלל און פאר אונז, יודען בפרט.

ווי אפט האבען מיר טענות און תרעומות צו דער יוגענד: דא איז נישט גוט און דא — נישט גלייך, איינמאל — צו טעמפעראמענטפול און א צווייט מאל — נישט אויסגעהאלטען און מיר זאגען אויך, אז יעדעס מאל ביי יעדער געלעגענהייט וואלט מען אויף זיי געברויכט מלמד זכות צו זיין. ווייל סוף כל סוף דארף מען נישט פערגעסען ווי שווער ס'קומט זיי אב דאס לעבען, אדער בעסער געזאגט צוצולאזען זיי צום לעבען.

האבען מיר דאך צו טהון מיט יונגע מענשען, וועלכע מוזען זיך אויסזוכען א צוקונפט אין זייער לעבען; אבער אויף וועלכע וועגען זיי זאלען זיך רייסען זענען אלע פאר זיי פערבאריקאדירט, אומעטום שטעלען זיך פאר זיי אנטקעגען ריזיגע אבן-נגפס.

איז געווען נאך א קליין ווינקעלע — ארץ ישראל — אויף דער גרויסער ערד-קוגעל, וואוהין א יודישער פוס האט געקענט איבערטרעטען — איז עס אויך פערשפארט געווארען. זעהען מיר דען נישט מיט וואסער מסירת-נפש די יוגענד רייסט זיך אהין אריין, נישט קוקענדיג, וואס זי איז אויסגעשטעלט אויף די גרעסטע ליידען און עינויים און בעצאהלט גאנץ אפט מיט'ן לעבען, דאך שטעלט זי זיך אויף גארנישט אב, נאר זעצט פאר איהר קאמף אבי צו געפונען ארבייט און א אידעאל אין לעבען.

בעטראכטען מיר די זיגזאג וועגען, די שמאלע געפעהרליכע סטעשזשקעס, אויף וועלכע אונזער יוגענד לאזט זיך, נישט רעכענענדיג זיך מיט אלערליי געפאהרען, אויף וועלכע זי איז אויסגעשטעלט, און אויך די דאזיגע מארטירער וועלכען פערגינט מען זיי נישט — בעטראכטען מיר דאס אלץ, אנאליזירען מיר דאס רוהיג און מיט א געוויסען ישוב הדעת, מוזען מיר קומען צום בעשלוס, אז מ'דארף אויף די קינדער מלמד זכות צו זיין, אז אונזערע אור-אור-עלטערן זענען נישט געווען אזוינע העלדען, זיי זענען נישט געגאנגען אויף עהנליכע ריזיקעס; און דאן וואלט זיך געוואלט אויסשרייען, אז ס'דארף זיך בעווייזען א רבי לוי יצחק בערדיטשעווער, וועלכער זאל זינגען א לויב געזאנג געהידמעט אונזער מארטירער-יוגענד, וועלכע שטעלט זיך אויף גארנישט אב, גאר ליידט בלויז דערפאר, וואס איהר חטא בעשטעהט אין דעם, וואס זי געהערט צום יודישען פאלק.

פערקעהרט, מיר דארפען זיך בעשולדיגען אין דעם, וואס מיר שטעהען פונדערווייטענס, וואס מיר בעציהען זיך צו אפאטיש, צו גלייכגילטיג צו אט די קינדער אונזערע, וועלכע וואלטען זיך געוואן אליין אויסגעשלאגען א וועג אין זייער צוקונפטיגען לעבען, נאר אלערליי אינדיווידואומס דערלאזען גישט דערצו.

מיר מוזען זיין וואך און זיך בעטייליגען אין זייערע ליידען, מיר מוזען זיין מיט זיי אין שטענדיגען קאנטאקט בכדי זיי זאלען ווערען דערצויגען לויט געהעריגע אנווייזונגען. מיר טארען נישט קומען צו שפעט און דאן נאכזאגען חסרונות, אז דאס און דאס האט נישט געברויכט צו זיין. זיי מוזען צוזאמען מיט'ן יודישען כלל דערצויגען ווערען און מיט זיי מוזען אויך מיר ליידען.!

ביי אנדערע פעלקער איז די יוגענד נישט בערופען צו ליידען, נאר פערקעהרט, מ'פערשענערט און מ'פערלייכטערט זיי די וועגען, אויף וועלכע זיי לאזען זיך, מ'קומט זיי צו הילף און מ'ווארפט זיי אנטקעגען רויזען אויפ'ן וועג, וואס דארף דורך דער יוגענד אויסגעטרעטען ווערען. מיר עלענדע און פון אלע זייטען פערווארפענע קאנען נישט רעדען וועגען רויזען, שטערען און פאעזיע בעת די צוקונפט פון אונזערע יודען מאלט זיך אויס אזוי גרוי און פעסימיסטיש.

און דעריבער זאלען מיר זיך נישט לייכטשעצען די מעשים פון אונזער יוגענד, זאלען מיר זיך מיט זיי אינטערעסירען, זאלען מיר זיי העלפען אויספלאסטערען דעם שווערען דערנער-וועג וועלכען זיי בעמיהען זיך מיט אונגעוועהנליכער גבורה אויסצוטרעטען.

ביי אלע פעלקער איז די יוגענד דאס שווארצע אפל פון אויג, וואס מוז מיט גרויס פיעטעט אבגעהיטען ווערען. מיר מוזען זיך דעריבער שטעלען אין זייערע רייהען! און צוזאמען מיט זיי פערפלאנצען זייער צוקונפט, וואס איז מיט אזויפיעל מסירת נפש צונויפגעבונדען. מיר ווייסען, אז א יוד האט רחמנות, קוים זעהט ער טרעהרען ווערט ער אויסער זיך, לויפט צו דאן ראטעווען, העלפען, ווייל דאס הארץ ווערט איהם צובראכען פאר רחמנות. מ'ראטעוועט ביי אונז נישט פריהער, ביז מ'איז צובראכען, קראנק. מ'בעמיהט זיך קיינמאל נישט ביי אונז מפרנס צו זיין געזונטע, צו זעהען זיי זאלען האבען פרנסה, נאר קוים ווערט ער קראנק פון נישט האבען וואס צו עסען, האט מען דאמאלס רחמנות: מען שיקט איהם צו א דאקטאר, מ'שפייזט איהם מיט רפואות: מ'דארף איהם אלזא פריהער צוברעכען און דאן בעקומט מען אויף איהם רחמנות און מ'הויבט איהם אן ראטעווען אויף וואס די וועלט שטעהט. מיר וואלטען נישט געוואלט, אז די זעלבע מעטאדען זאלען אנגעווענדעט ווערען בנוגע אונזער יוגענד. דאס איז א צו-געפעהרליכער עקספערימענט. מיר מוזען אב היטען די יוגענד פון די פריהסטע צייטען אן און נישט דערלאזען ס'זאל זיך אריינרייסען וואסערע נישט איז שעדליכקייט און ערשט דאן איהר העלפען. מיר מוזען ביי זיי געהן שריט נאך שריט און גוט אויפפאסען סיי ביי דער דערציהונג, ווי ביים אויסזוכען די צוקונפט, אויף וועלכער זי הויבט אן שטעלען די ערשטע שריט. מיר דארפען נעמען אין אכט, אז וואס ליידענדער עס איז דער צוקונפטס-וועג פון אונזערע קינדער אלץ מעהר צוגעבונדען מוזען מיר צו זיי זיין און זיי העלפען בויען א געזונטע און עהרליכע צוקונפט אומעטום, ווי זיי זאלען זיך נישט געפונען.

מיר דארפען געדענקען אינ'ם כלל אז די צוקונפט רעפרעזענטירט די יוגענד, און דעריבער: וואס שענער די צוקונפט, וואס עהרליכער די יוגענד — אלץ העכער זענען די שאנסען פאר דער ענטוויקלונג פון פאלק און זיינע אוצרות.

ל. ש—ן

פון אלטען ווארמס

אין ווארמס און אין די ארומיגע יודישע קהלות ביים גרויסען טייך ריין, אויב מען וויל וועגען א מענש זאגען, אז ער איז אזוי פערדארבען, אז אפילו נאכ'ן טויט וועט ער נישט בעסער ווערען, בענוצט מען זיך מיט אן'אלט פאלקס-ווערטל: „קרייסכע נאכ'ן טויט".

דער מקור און די בעדייטונג פונ'ם דאזיגען פאלקס-ווערטיל איז פאלגענדער:

מיט א סך יאהרען צוריק האט אין דער אלטער יודישער קהלה פון ווארמס געלעבט א יוד מיט'ן נאמען קרויס, אדער ווי מען פלעגט איהם רופען: קרייסכע.

דער דאזיגער פערשוין איז געווען איינער פון די ערגסטע מוסרים און ער האט דער קהלה און אויך איינצעלנע מענשען שטענדיג גרויסע צרות אנגעטהון. ביי יעדער געלעגענהייט האט ער באלד דערלאנגט א מסירה און מען האט שוין דערפון געהאט א סך צו ליידען, סיי מיט געלד און אויך שווערע לייב שטראפען.

מען האט איהם אבער קיינמאל נישט געקענט בעשטראפען, ווייל די בעאמטע פון בישאף, אדער מאגיסטראט, האבען איהם שטענדיג בעשיצט און נישט דערלאזען, אז יודען זאלען איהם קענען אבדינען פאר זיינע שלעכטע מעשים.

אבער אזוי ווי יעדער מענש קען דאך נישט אייביג לעבען, ער מוז, פריהער אדער שפעטער, אוועק פון דער וועלט, אזוי איז אויך געקומען די צייט פונ'ם שלעכטען קרייסכע, אז ער זאל אוועק אויפ'ן עולם האמת און דארטען אבגעבען דין-וחשבון פאר אלע זיינע שלעכטע מעשים, וואס ער איז בעגאנגען אויף דער וועלט.

אז ער האט געפיהלט, אז זיינע טעג, אדער גאר שעה'ן, זענען שוין געצעהלט, האט ער געשיקט רופען די גבאים פון דער חב"ה קדישא.

ווען זיין וואונש, דאס לעצטע געבעט פון א קראנקען, איז דערפילט געווארען, האט זיך קרייסכע אויפגעזעצט אויפ'ן בעט און מיט א געבראכענער, קוים הערבארע שטימע געזאגט:

— מורי ורבותי! איך ווייס, אז איך האב געגען דער גאנצער קהלה און געגען א סך בעלי-בתים זעהר שווער געזינדיגט און אלעמען געבראכט גרויסע צרות.

איצט, אז איך האלט ביים אוועקגעהן פון דער וועלט, בעט איך ביי אלעמען מחילה און סליחה פאר מיינע זינדן!

און ווייל איך וויל קומען א ביסעל גערייניגט אויף יענער וועלט, בעט איך אייך איהר, חברה-קדישא לייט, זאלט מיר אנטהון נאך מיין טויט די ערגסטע בזיונות. איהר זאלט מיין קערפער ארונטערווארפען פון אלע טרעפ (ער האט געוואוינט אויפ'ן צווייטען שטאק), דאן טרעטען מיט די פיס, מיר אפילו נישט ריכטיג מטהר זיין און דערנאך בעגראבען „קבורת חמור", ערגיץ הינטער א פלויט.

דאס אלעס, אזוי האף איך, וועט זיין א שטיקעל אבקומעניש דא אויף דער וועלט פאר מיינע אלע שרעקליכע זינד, וואס איך בין בעגאנגען און מען וועט מיר דערפאר נישט אזוי שווער משפט'ן דארטען אויף יענער וועלט.

איך בעט אייך, יודען רחמנים בני רחמנים, זאגט מיר צו, אז איהר וועט אייך מיט מיר אזוי נוהג זיין נאך מיין טויט. און דערביי האט ער מיט זיינע דארע, ביינערנע הענד געהאלטען אין איין קלאפען זיך אין הארצען „על חטא".

אז קרייסכע האט קוים נעהאט געענדיגט זיינע לעצטע ווערטער, איז ער צוריקגעפאלען אויפ'ן בעט און זיין נשמה איז אויסגעגאנגען.

ווען עס האט זיך אין די יודישע גאסען פון ווארמס פערשפרייט די ידיעה פונ'ם אלטען מסור'ס אבשטארבען, האט יעדער לייכט אבגעאטעמט. מען איז צופרידען געווען וואס מען איז ענדליך פון איהם פטור געווארען און עס איז שוין געקומען אן'עק צו זיינע מיאוסע חפצות.

מען האט זיך אבער אויך דערוואוסט וועגען זיינע לעצטע' דבורים און זיין בקשה צו די חברה קדישא לייט און וועגען דעם האט מען אנגעהויבען גאנץ געשמאק צו שמועסען און עס זענען שוין געווארען חלוקי דעות.

א סך מענשען האבען געזאגט, אז קרייסכע איז שטענדיג געווען אזא פאסקודנער נפש. וואס וועט זיכער פלאקערען אין גיהנם און דערפאר דארף מען זיינע לעצטע ווערטער נישט נעמען אין אנבעטראכט און מען טאר איהם נישט העלפען, דורך בזיונות און זלזולים, צו קומען א ביסעל א גערייניגטער אויף יענער וועלט.

אנדערע האבען איהם אבער געהאלטען פאר א בעל תשובה און אז מען דארף יא אויסהאלטען זיין לעצטע בקשה.

געזיגט האבען די וואס האבען געהאלטען, אז „מצוה לקיים דברי המת". זיי האבען דעם טויטען קרייסכע פארגעשטעלט ווי א גרויסען בעל-תשובה, וועלכער איז נאך א סך גרעסער ווי צדיקים גמורים...

אזא לויה ווי דער מסור האט געהאט איז שוין לאנג נישט פארגעקומען אין ווארמס. די גאנצע קהלה, אנשים, נשים וטף זענען אנגעלאפען, מיט די אייגענע אויגען זעהען וואסערע בזיונות, חרפות ובושות, עס וועט — לויט זיין אייגענעם פערלאנג, — פארקומען מיט'ן טויטען קערפער. זייט ווארמס עקזיסטירט איז אזא זאך נישט פארגעקומען.

די חב"ה ק"ישא האט זיך גענומען צו דער ארבייט, מען האט דעם טויטען קערפער ארונטערגעווארפען פון אלע טרעפ. אנדערע האבען איהם געטרעטען מיט די פיס דערנאך צוגעבונדען צו א שטריק און געשלעפט דורך די גאסען.

דער גרויסער פערזאמעלטער עולם

וואס געהערט, וואס געזעהן.

מקוה

אונזערע טשענסטאכאווער יודען האבען אוועקגעשטעלט אין א זייט אלע דאגות, עס געהט זיי נישט אן דאס, וואס אויפ'ן אפענעם ים שווימען ארום שיפען מיט יודען, וועלכע קאנען נישט לאנדען אין ערגיץ. עס אינטערעסירען זיי נישט די פאגראמען אויף יודען אין בראטאסלאווא, זייער הויפט דאגה איז די — מקוה.

כדי איהר זאלט נישט אריינגעפיהרט ווערען אין א טעות וועל איך באלד אויפקלערען, אז זיי זארגען נישט חס ושלום דאס די מקוה, וועלכע איז פער'חייב'ט, זאל נישט אויסגעשטעלט ווערען אויף קיין ליציטאציע; אה, ניין, דאמאלס זענען די יודען נישט אינדערהיים; זיי געהט אין לעבען, אז די קהלה זאל נישט אויספיהרען דעם פראיעקט צו מאכען איהר ביורא אין דער געביידע פון דער מקוה.

לעצטענס איז ביי אונז א צרה מיט דער מקוה. אט איז זי עטליכע וואכען געווען איינגאנצען פערמאכט. און ווען מען האט זי שוין געעפענט איז געקומען א נייע צרה — די קהלה געהט זיך אריינציהען אין דער מקוה-געביידע.

א רעש, א טומעל אין דער חסידישער וועלט, היה לא תהיה — אזעלכעס טאר און וועט נישט פאסירען און א קול קורא איז ארויס צו דער יודישער עדה אין טשענסטאכאוו מיט א וועה-געשריי: ראטעוועט! די היגע קהלה געהט נאכטהון דעם ביישפיעל פון כארקאוו און מאסקווע!?

מיר וואלטען דעם גאנצען ענין נישט בעריהרט, ווארום אונז געהט נישט אן דער גאנצער סכסוך, צי די קהלה מעג וואוינען אין דער מקוה-געביידע אדער זי טאר נישט, אויף דעם איז דא א ראבינאט, וועלכער האט דאס רעכט צו פסק'ענען. אויב אונז אינטערעסירט יא דער ענין, איז טאקי נאר דער אויפרוף, וואס איז לויט אונזער מיינונג א העסליכער פאמפלעט, וואס ס'איז נישטא זיינס גלייכען.

שטעלט אייך פאר דאס אונפעראנטווארטליכע הפקרות. עפעס אנ'עם-הארץ גיט ארויס אנ'אויפרוף אין א ציקאלעטשעטען יודיש און א פערגרייזטען העברעאיש (טאקי נאר ווי אין מאסקווע), אז די היגע יודישע קהלה, דער רעפרעזענטאנץ פון 30 טויזענד יודען, טהוען נאך דעם ביישפיעל פון די יעווסעקעס אין רוסלאנד. צי דארף מען דען נישט קריעה רייסען אויף דעם העסליכען שימעל, וואס האט זיך אריינגעכאפט אין אונזער מחנה? אמת, אויף דער גרופענער פערזאמלונג האט דער פארזיצער פון דער פערזאמלונג ה' נח ערעליסט, נאכדעם ווי איינער פון די אנוועזענדע האט שארף פראטעסטירט געגען אזא העסליכען אויפרוף ערקלערט, אז ער אליין האלט, דאס דער אויפרוף איז צו-שארף, אבער ס'איז דאך שוין פערפאלען... דאגעגען אבער די עטליכע פערזאמעלטע יונגעלייטלעך און די גאנצע האפטע יונגע בחורימ'לעך, וועלכע זענען מאביליזירט געווארען צו דער „פאלקס-פערזאמלונג", האבען געהוזשעט און געליארעמט, אז דער אויפרוף מיט דעם העסליכען אינהאלט איז נאך צו שוואך.

ה' ערעליסט, ה' טעמער און נאך עטליכע, וועלכע פיהרען אן מיט דער פראטעסט בעוועגונג געגען קהלה-פראיעקט, אט צו אייך ווי צו מענשען, צו וועלכע מען קאן נעמען ערנסט, זענען געוואנדען די דאזיגע ווערטער: מיר האבען גארנישט געגען אייער קאמף. מעגליך, לויט אייער שטאנדפונקט זענט איהר גערעכט און מעגליך האט די קהלה רעכט. נישט אונזער אויפגאבע איז — אזוי ווי מיר האבען אין אנהויב ערקלערט — צו משפט'ן, איין זאך זאגען מיר אבער אייך, אז איהר דארפט עפענטליך בפני קהל ועדה גלייכצייטיג פראטעסטירען געגען די דאזיגע אונווירדיגע לייט פון אייער מחנה, וועלכע האבען אזא העסליכען אויפרוף געלאזט אבדרוקען און פערשפרייטען, אנדערש וועט איהר אליין אויך טראגען דערפאר די פעראנטווארטליכקייט. און טאקי דערפאר, אז איהר זאלט געפינען סימפאטיע ביי דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג, איז אייער הייליגער חוב קודם-כל פון זיך ארונטערווארפען די פעראנטווארטליכקייט פאר דעם העסליכען אויפרוף און דאמאלס וועט איהר קאנען ערשט ארויסטרעטען געגען קהלה - בעשלוס בנוגע דער מקוה.

ער האט ערובערט די פאזיציע.

אז ה' יעקל זארסקי איז א חזן און א גוטער חזן, וועגען דעם ווייסט קינד און אלט אין אונזער שטאדט. וואס דען? ער האט קיין הצלחה נישט, אזוי ווי אלע היגע געבוירענע, וועלכע קאנען נישט בעקומען קיין ברעטיל, נאר אלע כבודים כאפען פרעמדע, צוגערייזטע.

אלס היגער בעל-הבית מכמה דורות דאווענט ה' יעקל זארסקי אין דער שטאדט-שוהל אדער אין בית-המדרש. האבען אבער אונזערע שוהל און בית-המדרש-גבאים א טבע נישט צוצולאזען דעם ה' זארסקי צום ברעטיל.

מאכט זיך א מעשה און ה' זארסקי האט יאהרצייט, זאל עס אפילו זיין נאך א שוועסטער, אבער א יאהרצייט איז עס. נו, מילא, מקבל שבת זיין אין דער שוהל פאר'ן עמוד קאן ער נישט, ס'איז דאך דא א חזן, טאקי א וולאשטשאווער, אבער פארט שטאדט-חזן, עס איז נאך געווען שבת מברכים דערצו, נו מילא, אבער פארוואס זאל אזא ה' יעקל זארסקי, אנ'אייגענער, א היימישער תושב נישט בעקומען דאס ברעטיל פון שטאדטישען בית-המדרש? די גבאים זאגען דאך עפיס ערגער ווי

איז געשטאנען און געגאפט. זייט ווארמס עקזיסטירט, שוין אזוי פיעל הונדערטער יאהרען, איז אזא זאך נאך קיינמאל נישט פארגעקומען. כאטש אלע האבען שרעקליך פייגט געהאט דעם לעבעדיגען מסור קרייסכע, זענען אבער זייערע הערצער געווארען פול מיט רחמנות, ווען זיי האבען געזעהען די חעפליכע סצענע מיט'ן טויטען קערפער.

אלע האבען אבער געפיהלט און פערשטאנען, אז דאס אלעס געשעהט נאר פאר זיין אייגענער טובה וועגען. כדי ער זאל אבקומען שוין דא אויף דער וועלט און זיין זינדיגע נשמה זאל קומען א גערייניגט און געלייטערטע אויפ'ן עולם האמת.

בשעת די יודען זענען געווען אזוי שטארק פערטהון מיט'ן צוקוקען און שמועסען וועגען דעם וואס קומט איצטער פאר פאר זייערע אויגען, האבען זיי גארנישט בעמערקט, אז ס'איז אנגעקומען אין די יודישע גאסען א גרויסע צאהל שטאדטישע סאלדאטען און בעאמטע.

פון וואנען האבען זיך אזוי פלוצים גענומען אזוי פיעל סאלדאטען אין יודישען קווארטאל און וואס איז געווען דער צוועק פון זייער אהערקומען?

עס האט אבער נישט לאנג געדויערט און די יודען האבען זיך דערוואוסט דעם טרויעריגען אמת.

איידער דער מסור קרייסכע האט געהאט געשיקט רופען די חברה-קדישא און זיי איבערגעגעבען זיין לעצטען פערלאנג, האט ער פריהער צו זיך געהאט פערבעטען צוויי פון די העכערע שטאדטישע בעאמטע און ער האט צו זיי געזאגט:

איהר ווייסט דאך ווי געטריי און ערליך איך האב מיין גאנץ לעבען געדינט די אינטערעסען פון אונזער שטאדט.

צוליעב דעם האב איך אויף מיר געצויגען דעם האס און פעראכטונג פון אלע יודען. אבער כל זמן איך בין נאך געווען ביי מיינע כחות און איך האב מיר געקענט ווערען, האבען זיי מיר קיין שלעכטס נישט געטהון. עס האט זיי צוריקגעהאלטען די מורא פאר דער שיץ, וואס איך האב שטענדיג פון אייך בעקומען.

אבער איצט, אז איך האלט שוין ביים שטארבען, בין איך זיכער, אז מיינע יודישע פיינד וועלען זוכען צו נעמען נקמה פון מיין טויטען קערפער.

בעט איך אייך, אז ווען איהר וועט אייך נאר דערוויסען, אז איך לעב שוין נישט מעהר, זאלט איהר אכטונג געבען, אז די יודען זאלען מיר קיין חרפות נישט אנטהון. בעשיצט מיך נאכ'ן טויט, ווי איהר האט שטענדיג געטהון ביי מיין לעבען!

ס'איז געווען זעלבסטפערשטענדליך, אז די קריסטליכע בעאמטע האבען דעם שטארבענדען קרייסכע צוגעזאגט זיין לעצטען וואונש צו ערפילען.

די דאזיגע שונאי ישראל האבען נאר ארויסגעקוקט אויף אזא געלעגענהייט, אז זיי זאלען זיך קענען אריינרייסען אין די אינערליכע יודישע אנגעלעגענהייטען און צוליעב דעם די יודען פערהאפטען, בעשטראפען און איבערהויפט ביי זיי אויספרעסען גרויסע סומעס געלד.

זיי האבען אוועקגעשטעלט זייערס א שפיאן, אז ער זאל זיי בעצייטענס מודיע זיין וואס די יודען וועלען טהון מיט'ן טויטען קערפער, אז זיי, די בעאמטע, זאלען קענען מאכען זייער איבערפאל צו דער ריכטיגער צייט.

און אזוי איז עס טאקע פארגעקומען. זיי זענען מיט זייערע סאלדאטען פונקט אנגעקומען בשעת מעשה, ווען מען האט דעם מסור אנגעטהון אזעלכע בזיונות, ווי ער האט אליין אויף זיך געבעטען.

די ראשי הקהל פון ווארמס און אנדערע רייכע פארנעמע יודען, זענען ארעסטירט געווארען. מען האט זיי בעשולדיגט אינ'ם שרעקליכען פערברעכען, וואס זיי זענען בעגאנגען געגען דעם בעסטען יוד און געטרייסטען דינער פון דער רעגירונג.

עס האבען נישט געהאלפען די יודישע פערטיידיגונגען, אז דער פערשטארבענער האט דורכאויס פערלאנגט און שטארק געבעטען איהם אנצוטהון די דאזיגע חרפות ובושות.

עס האט שוין געהאלטען דערביי, אז די יודען זאלען דערפאר זעהר הארב בעשטראפט ווערען מיט גרויסע געלד-סומעס און דערצו נאך מיט לאנגע געפענגעניש.

האט אבער דער רבונו של עולם נישט געוואלט, אז די ווארמסער יודען זאלען דאס מאל ליידען אומשולדיגערהייט. ער האט אריינגעגעבען א געפיהל פון רחמנות אין די הערצער פון צוויי רייכע און פארנעמע קריסטען, אז זיי זאלען אויסטרעטען צו גינסטען פון די יודען.

זיי האבען זיך געמעלדען צו די ריכטער, פאר זיי עדות געזאגט און געשוואוירען, אז ערשט מיט עטליכע חדשים צוריק, בשעת זיי זענען געזעסען מיט'ן מסור קרייסכע, מיט איהם געגעסען און געטרונקען, האט ער זיך פאר זיי בערימט, אז אפילו נאך זיין טויט וועט ער די יודען פון ווארמס אבטהון אזא שפיצעל, אז זיי וועלען איהם לאנג האבען צו געדענקען.

דערהערט דאס דאזיגע עדות-זאגען, זענען די ריכטער דאך אביסעל ווייכער געווארען און ס'איז די יודען — פאר טייערע מתנות — געלונגען צו פועל'ן זייער בעפרייאונג.

קרייסכע איז שוין לאנג טויט און פון זיין געביין איז שוין מעהר קיין זכר נישטא. אבער זיין פערפלוכטער אנדענק איז דאך פערארייביגט געווארען און אפט קען מען אין ווארמס און אין די ארומיגע יודישע קהלות הערען דאס אלטע פאלקס-ווערטעל „קרייסכע נאכ'ן טויט", כאטש ווייניג וויסען די ריכטיגע בעדייטונג דערפון.

י. מ—ס

גלייכווערטלעך פון דער סדרה

פון יחיאל טשענסטאכאווער

שפטים

שפטים ושטרים תתן לך

א חסידי'שער יוד פון ר—ן איז געפאהרען עטליכע מאל אין יאהר נאך וו. צום רבי'ן, וואו מ'האט איהם מכבד געווען מיט'ן טיש זיצען. ווען דער חסיד איז צוריקגעקומען האט ער זיך גרויס געהאלטען צוליעב דעם כבוד וואס ער האט ביים רבי'ן געהאט. גרינגשעצט דעם שטאדט רב, זאגענדיג, אז א'ין וו. איז דער רב נישט מעהר מורינו ווי ער. דער רב האט געהאט גרויס צער און זיך בעקלאגט דערויף פאר'ן רבי'ן. ווען דער חסיד איז ווידער געקומען נאך וו. האט דער רבי צו איהם געזאגט: די סדרה „ראה" לאזט זיך אויס מיט'ן פסוק שלוש פעמים בשנה יראה כל זכרך לפני ד' אלקיך — דריי מאל אין יאהר זאל יעדער יוד עולה רגל זיין נאך ארץ-ישראל, גלייך דערנעבען שטעהט: שפטים ושטרים תתן לך בכל שעריך — אין אלע שטעדט זאלען זיך געפינען שפטים, יודישע פארשטעהער, רבנים, וועגווייזער. וואס פאר א סמיכות האבען די צוויי פסוקים? נאר דער פשט איז אזוי: עס קען זיך געפינען א יוד, וועלכער וועט זיך איינרעדען, אויב איך בין דריי מאל אין יאהר עולה רגל אין גאט'ס הויז, נאך וואס ברויך איך א רב. ערקלערט דער פסוק, אז טראצדעם, וואס דו אליין געהסט נאך ירושלים מתפלל זיין, שפטים ושטרים תתן לך בכל שעריך — זאלסטו דיר אין דער היים וועהלען רבנים, וועלכע דו זאלסט רעספעקטירען. דאס האט דער רבי געזאגט איז אויך געמיינט אויף דיר, ווען אויך דו קומסט צו מיר עטליכע מאל אין יאהר און ביזט דא א חשוב. דיין רב אבער דארפסטו פאלגען און דרך ארץ האבען.

שפטים ושטרים תתן לך

אין ש—ן איז געווען אן'אלטער רב לאנגע יאהרען. מיטאמאל האט זיך דארט בעזעצט א יונגערמאן און פערכאפט דאס רבנות. דער אלטער רב האט איהם גערופען לדין צו א בי"ד פון דריי רבנים. דער יונגערמאן האט זיך פערטיידיגט, אז ער האט זיך מיט גארנישט פערשולדיגט, ווייל די תורה הייסט: שפטים ושטרים תתן לך בכל שעריך — אין יעדער שטאדט זאלען זיין עטליכע רבנים און דא אין ש. געפינט זיך נישט מעהר ווי איין רב, האב איך אויסגעפיהרט דעם פערלאנג פון דער תורה און זיך דארט בעזעצט.

כי השוחד יעור עיני פקחים

געווען אין ק—ל א רב, וועלכער האט נישט געלעבט בשלום מיט זיין שכן דעם וו—ר רב. אויף דער עלטער איז דער ק—לער רב קורצזיכטיג געווארען. מ'האט איהם צוגעטראגען א לשון-הרע, דאס זיין שכנות'דיגער רב זאל האבען געזאגט, אז דעריבער איז ער בלינד געווארען, ווייל ער האט גענומען שוחד. דער ק—ל רב האט איהם צוריקבעפוילען: לעולם נעמט איהר אויך שוחד, נאר די סיבה פאר וואס עס האט אייך נישט געשאדט איז, ווייל השוחד יעור עיני פקחים — נאר די קלוגע ווערען צוליעב שוחד בלינד, איהר אבער זענט א גרויסער בטלן, קען עס אייך נישט שאדען.

ויסלף דברי צדיקים

צום א—צער גאון זצ"ל האט מען פער'מסר'ט א רב, דאס ער האט ארויסגעגעבען א היתר מאה רבנים צוליעב שוחד. דער אס—ער האט געשריבען צו דעם בעטרעפענדען רב וועגען דעם און צוגעגעבען: יעצט איז מיר פערענטפערט דער פסוק כי השוחד יעור — ויסלף דברי צדיקים. ווי איך פערשטעה האט איהר גע'פסק'נט לויט'ן דין, דער שוחד אבער, וואס איהר האט בעקומען, האט אייך בלינד געמאכט און ויסלף דברי צדיקים — פערדרעהט די ווערטער פון די גדולים, אנשטאט איהר האט געברויכט צו אסר'ן, האט איהר דארט געזעהען, אז מ'דארף מתיר זיין.

לא תקח שוחד — ולא תקום לך מצבה

אין ראדאמסק איז געשטארבען א גרויסער גביר, וועלכער איז אבער נישט געווען קיין אדם חשוב ובעל צדקה. ווען עס איז געקומען צום שטעלען די מצבה האט די חברה-קדושא זיך געגענגעשטעלט, ווייל עס איז עס איז געווען אויפגעשריבען דערויף די גרויסע „מעשים טובים", וואס ער זאל האבען ביים לעבען געטהון, וועלכעס איז געווען שקר. דער זוהן פון געשטארבענעם האט זיך וועגען דעם געווענדען צום „תפארת שלמה" זצ"ל, וועלכער איז געווען ראדאמסקער רב און אנידערגעלעגט א פדיון פון הונדערט'ס רובל. דער „תפארת שלמה" האט איהם געענטפערט: יעצט איז מיר פערשטענדליך, וואס עס שטעהען די צוויי פסוקים דערנעבען: לא תקח שוחד — ולא תקום לך מצבה. די תורה האט פארגעזעהען, אז עס וועט קומען א צייט ווען מ'וועט וועלען דעם רב געבען שוחד, בכדי צו ערלויבען א מצבה שטעלען, וועלכע איז נישט לויט'ן כבוד, האט זי אונז געווארענט: לא תקח שוחד — ולא תקום לך מצבה.

צדק צדק תרדוף

א גביר איז געקומען צו א רבי'ן אבגעגעבען א קוויטעל מיט א פדיון און געבעטען פאר זיין אייגציגען קראנקען זוהן, אז ער זאל געזונד ווערען. דער רבי האט איהם געהייסען געבען א געוויסע סומע אויף א דבר טוב און צוגעזאגט, אז דער קראנקער וועט געהאלפען ווערען. דער גביר, וועלכער איז אבער געווען א גרויסער קמצן האט געזאגט: רבי, דער דין איז דאך, אז מ'טאר נישט געבען צדקה על מנת לקבל פרס, — צו בעקומען דערפאר שכר? דער רבי האט איהם געענטפערט: די ערשטע צדקה, וועלכע מ'גיט, מוז טאקי זיין אהן שום תנאי, נאר לשם שמים, דאגעגען די ווייטערע צדקה מעג שוין זיין לקבל פרס. ווי איך גלויב האסטו מיר געגעבען דעם פדיון נאר צוליעב דעם, וואס איך זיץ על התורה ועבודה, אהן שום בעזונדערע כוונות, דעריבער קענסטו שוין יעצט צדקה געבען פאר דיין זוהנ'ס געזונד און דער רבי האט פערטייטשט דעם פסוק: צדק — די ערשטע צדקה זאל זיין לשם שמים, צדק — די צווייטע צדקה — למען תחי', אז דיין זוהן זאל בלייבען לעבען.

די סדום לייט, האט זיך מאקי ר' יעקל צוגעגרייט און באלד ווי דער בעל-מנחה האט אויסגעלאזט דעם עלינו, האט זיך צום עמוד צוגעשארט אונזער בעל-יאהרצייט מיט אנ'איינגענעם טלית, געברענגט פון דערהיים און איבער'ן בית-המדרש האט זיך דערהערט דער מתיקות'דיגער לכו נרננה.

צי דער עולם איז געווען צופרידען? פרעגט שוין גארנישט, זיי האבען ממש געלעקט די פינגער און מיט אומגעדולד האבען זיי שוין געוואר'ט אויף צומארגענס שבת פריה צו הערען א קדושה'לע, א ראש חודש בענשען. זענען דאך אבער די גבאים רשעים גמורים, האבען זיי דערצו נישט צוגעלאזט.

די בית המדרש מתפללים זענען געווען זעהר אויפגעבראכט אויף די גבאים פאר זייער בעשלוס, דערפאר אבער האבען זיי זיך געטרייסט, וואס כאטש צו קבלת שבת האט אונזער ליבלינג דערגרייכט די עמוד-פאזיציע...

דער הויך-סעזאן ענדיגט זיך...

כאטש מיר זענען שוין אריין אין אלול, ווען דער קול-שופר, וואס מאכט ציטערען א פיש אין וואסער, לאזט זיך שוין הערען, געהט נאך אן דער הויך-סעזאן פון די לעטניקעס. נישט נאר זיי טראכטען נישט צוריק צוקומען, נאר עס זענען אפילו פערהאנען אזעלכע, וועלכע זענען די וואך ערשט געפאהרען אין די קור-ערטער און וועלען דארט פערבלייבען 4 וואכען אדער מעהר.

אויך לאזט זיך בעמערקען דער הויך-סעזאן ביי די היימישע מיטאגער, וועלכע ווערען ארויסגעגעבען פאר די שטרויענע אלמנ'ס. וואו א הויז — א היימישע רעסטאראציע, וואס זארגט, אז די מענער, וועלכע שוויצען א גאנצע וואך אין שטאדט, זאלען חס-ושלום נישט פערהונגערען. אויך אין אווענד קאן מען זיי זעהען די שטרויענע אלמנ'ס אין די צוקערניעס און מילך-געשעפטען.

דאס אלץ בעווייזט, אז ביז עס וועט זיך נישט אנהויבען דאס שול-יאהר, וועלען די ווייבער נישט אהיימקומען פון דאמשע, סיידען, אז די בלאכאווניעד, אלשטינער און כשואנסטאווער פויערים זאלען אנווענדען די אלטע מעטאדען און מיט געוואלד זיי געבען צו וויסען, אז עס איז צייט אין שטאדט אריין.

אזוי איז שוין די טבע פון יודען, כאטש דאס איז א פאלק פון אייביגע וואנדערער, פונדעסטוועגען זעהען זיי לעצטענס גערן, אז מען לאזט זיי זיצען אביסעל לענגער אויף אנ'ארט, מעג עס זיין אפילו אין א דירת עראי...

דער קול-שופר טרומייטערט אבער, ער וועקט און רופט, און ווילענדיג נישט ווילענדיג, וועלען אפילו די פער'עקשנ'טע דאמשניקעס מוזען זיך צוריק אומקעהרען אין שטאדט אריין צו זייער נארמאל לעבען, זארגען וועגען דער קוך און אויפפאסען אויף די קינדער און אויף דער ווירטשאפט. דערווייל אבער איז נאך געבליבען א קורצע צייט. ווילט אייך דעריבער, רבותי, נוצט אויס די צייט, ווייל שוין וועט מען אייך זאגען, אז דער הויך-סעזאן ענדיגט זיך...

די שווארצע כנופיה ארבייט ווייטער

ס'האט זיך געקאנט אויסדאכטען, אז אין אנבליק פון דער איצטיגער צייט וועלען אונזערע יודען, אפילו די פאסקורנע יודען ווערען אביסעל אנשטענדיגער. הפנים אבער, אז דער, וואס איז פערדארבען, בלייבט עס ביז'ן טויט אריין.

צו דער אויפזיכטס-מאכט איז לעצטענס ווידער איינגעפלאסען א פאק אנאנימע מסירות, אויף דער קהלה-לייטונג. וואס מען איז אויסען דערמיט איז קלאר, מען וויל צושטערען די נאך קיום בעמערקבארע אויטאנאמע א נסטיטוציע.

די דאזיגע העסליכע מוסרים זענען גישט אזוי ווי אמאל מחוץ-למחנה'ניקעס, מיט וועלכע קיין שום אנשטענדיגער מענש איז נישט געקומען אין בעריהרונג, די היינטיגע מוסרים זענען טויזענד מאל ערגער, זיי גראבען אונטער אונזערע אזוי אויך שוואכע מוסדות און בלייבען דערביי נאך שעהנע יודען, -- פערנעמען בכבוד'יגע אמטען אין פערשידענע אינסטיטוציעס, טרעטען נאך ארויס פון צייט-צו-צייט מיט מוסר-רעדעס פאר'ן פאלק ישראל און אליין זענען זיי טמא כשרץ. די פערצייטישע מוסרים זענען דאך געווען טויזענדער מאל אנשטענדיגער ווי די היינטיגע. יענע האבען עס געטהון אפען, און האבען כאטש נישט פערלאנגט פון קיינעם קיין כבוד. די היינטיגע אבער גנבנארען דאס פאלק, זיי זענען אין דער בחינה עושים מעשים כזמרי ונוטלים שכר כפנחס.

עס איז א שווארצע כנופיה און עס וואלט געווען א פלאן זיי צו ענטדעקען און זיי צו שטעלען מחוץ למחנה, אזוי ווי מען האט עס געטהון מיט די פערצייטישע מוסרים.

זיי בערעכטיגען זיך...

אין דער פרעסע איז געווען געמאלדען וועגען א ניי-ענטשטאנענעם פליטים-קאמיטעט, דערביי האט דער קאמוניקאט אויך אנגעוויזען, וועלכע ארגאניזאציעס ס'האבען זיך טראץ די פיעלמאליגע איינלאדונגען אין דער זיצונג נישט בעטייליגט.

ווי ס'ווייזט אויס האט דער דאזיגער זאץ געהאט א שטיקעל ווירקונג, ווארום אין רעדאקציע האבען זיך ביז-איצט געווענדען צוויי ארגאניזאציעס מיט א פערענטפערונג, אז מען האט זיי אומזיסט חושד געווען. פערקעהרט, זיי האבען זיך יא בעטייליגט אין די זיצונגען און זיי זענען גרייט מיטצוארבייטען מיט'ן פליטים-קאמיטעט און זיי האבען אויך דעלעגירט אין דער פליטים-סעקציע זייערע פארשטעהער.

דאס זענען די האנדווערקער און די לינקע „פועלי ציון". די האנדווערקער פערטיידיגען זיך, אז זייערע פארשטעהער זענען געקומען אויף אלע זיצונגען, וועלכע זענען לייד'ער נישט פארגעקומען, דאגעגען אויף דער לעצטער זיצונג, וואס איז על פי צופאל יא פארגעקומען, זענען זייערע פארשטעהער נישט געווען, (איינער איז געפאהרען אויף זומער-וואוינונג און דער צווייטער איז געווען א חוס בראשו). דאס איז אבער נישט משמע, אז זיי די האנדווערקער וועלען נישט מיטארבייטען, מיט'ן קאמיטעט, פערקעהרט, זיי וועלען יא ארבייטען.

אויך די פ. צ. לינקע טענה'ן, אז זייערע פארשטעהער זענען געקומען אויף אלע זיצונגען און אפילו אויף דער דערמאנטער זיצונג, ווען ס'איז ענדליך אויסגעוועהלט געווארען דער קאמיטעט איז זייער פארשטעהער אויך געווען, נאר היות ווי ער האט שוין געוואוסט פון דער פראקטיק, אז די זיצונגען קומען נישט פאר, האט ער געווארט א האלבע שעה און איז זיך אוועקגעגאנגען. טראכטען, אז די זיצונג וועט דאס מאל יא פארקומען, איז איהם נישט איינגעפאלען, ארבייטען אבער מיט'ן קאמיטעט וועלען זיי יא.

ווי איהר זעהט, רבותי, איז די זאך נאך נישט אזוי שלעכט, דער עולם וויל ארבייטען, מען דארף זיי נאר צוציהען צו דער ארבייט.

יעדענפאלס דארף מען זיין צופרידען, וואס די אויבענדערמאנטע ארגאניזאציעס בערעכטיגען זיך.

די חזנים שארפען זיך די גארגלען...

צום ראש-חודש-בענשען, איז די שטאדט-שוהל געווען איבערפולט.

קיין גרויס נייעס איז דאס נישט אפילו, ווארום יעדען שבת, ווען דער חזן דאווענט מיט'ן כאר איז די שוהל פול איבער די ברעגען. דאסמאל אבער, בעת'ן ראש חודש-בענשען אלול זענען געווען אין דער שוהל א גרויסע צאהל חזנים און ראש השנה'דיגע בעלי-תפילות.

דאס ווילען זיי, ווי ס'ווייזט אויס, כאפען שטיקלעך פון חזן כאלעווא, כדי עס שפעטער קענען אויסנוצען אלס זייערע אוידיציעס אין די ימים נוראים.

אונזער חזן כאלעווא, האט א חוש הרגשה, אזוי ווי ער דערפיהלט, אז אין שוהל געפינען זיך אביסעל מנגנים פאקט ער ארויס אלץ, וואס ער פערמאגט, עס איז איהם ווייניג די קדושה'ס, וואס ווערען געזונגען מיט'ן גאנצען קנאק, ער לאזט זיך נישט בעגענוגענען מיט'ן יהי רצון פון ראש חודש בענשען, וואס דויערט שעה'ן, מוז ער נאך אלס צולאג געבען א תכנת שבת און נאך אנדערע קאמפאזיציעס, אזוי, אז א שבת'דיג דאווענען קאן זיך פערגלייכען מיט א ראש-השנה'דיגען.

אמת, מען ווערט נישט מיד הערענדיג דעם חזן מיט'ן כאר אבער אלץ האט דאך א שיעור, פערענטפערט זיך אבער חזן כאלעווא, אז דאס טהוט ער צוליעב זיינע קאלעגען, די חזנים, וועלכע מוזען צוליעב די נאהנטע ימים נוראים זיך שארפען די גארגלען....

לויתן

דער פייערליכער פערלויף פון יום-טוב פון פוילישען זעלנער אין טשענסטאָכאָוו

לכבוד דער 19-טער יאָהרצייט פון דער גרויסער ווארשאווער שלאַכט, וואס האט זיך געענדיגט מיט'ן נצחון פון דער דאַמאָלס-יונגער פוילישער אַרמעע און דעם דינסטאָג'דיגען חגא, זענען זיך אויף דער יאַסנאַ-גורא צו-נויפגעקומען אַנ'ערך 70 טויזענד פיל-גרימער פון גאַנץ פוילען.

אויף אלע הייזער זענען געווען אויסגעהאָנגען די נאַציאָנאַלע פאָהנען און מאַנכע געוועלב-פענסטער זענען געווען עפעקטפול דעקאָרירט.

8.30 א זייגער אינדערפריה איז אָבגעריכט געוואָרען א גאָטעסדינסט פאַר'ן מיליטער, בעגלייט מיט רע-דעס.

יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון „תומכי-עניים"

קומענדען זונטאָג, 10 א זייגער פאַרמיטאג קומט פאָר אין דער שוהל „שערי-ציון", אַלעע 1, די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון „תומכי-עניים".

די דאָזיגע אינסטיטוציע איז די לעצטע יאָהרען געוואָרען זעהר פאָפו-לער אין אונזער שטאָדט, א דאנק דעם, וואס זי טיילט יעדען שבת פאַר איבער 300 יודישע פאַמיליעס ברויט מיט חלה און אָרדענט אויך איין פאַר דיזעלבע מכבור'ע יודישע פאַמיליעס יום-טוב-אַקציעס.

ווי בעוואוסט איז דער פּרעזעס, וועלכער האט פיעל געלייסטעט פאַר דער אינסטיטוציע און זי געבראַנגט צו דעם היינטיגען מצב ר' בעריל באַטשאַן ז"ל נישט מעהר דאָ. די אינסטיטוציע מוז אָבער ווייטער עק-זיסטירען, ווייל די נויט אויף דער יודישער גאַס פערגרעסערט זיך. דערי-בער דאַרף די אַלגעמיינע פערזאַמלונג זאָרגען, אַז די ארבייט זאָל נישט אָבגעשטעלט ווערען, פערקעהרט, זי דאַרף פערדאָפּעלט ווערען.

דאַרף מאַקי זיין די אויפגאַבע פון דער יודישער געזעלשאַפט עקסיוו זיך צו בעטייליגען אין דער דאָזיגער פערזאַמלונג און זאָרגען, אַז די אינסטיטו-ציע, וועלכע איז געשאַפען געוואָרען מיט אזוי פיעל מיה און אָנשטרענגונג, זאָל זיך ווייטער ענטוויקלען לטובת דער אָרימער יודישער בעפעלקערונג אין אונזער שטאָדט.

א גרופּע כוליגאַנעס פערטשעפעט און צושלאָגען יודישע דורכגעהער

דינסטאָג אין די אָוועגד שפּה'ן האט א גרעסערע גרופּע כוליגאַנעס אין די אַלעען זיך געלאָזט וואוילגעהן איבער די קעפ פון די יודישע דורכגעהער.

אָנהויבענדיג פון דער דריטער אַלעע האבען די כוליגאַנעס מיט חוצפה און דרייסטקייט געטשעפעט די רוהיג-דורכגעהענדע יודען, וועלכע זענען אין גרויס פאַניק אַריינגעלאָפען אין די טויערען.

נישט-ווערענדיג דורך קיינעם גע-שטערט זענען דאן די כוליגאַנעס אָרום האַלב 11 אָוועגד אַוועק אויפ'ן נייעם מאַרק, וואו זיי האבען שטאַרק צו-שלאָגען פיעל יודען, דערונטער דעם געוועלב-אייגענטימער פון רוג נייעם מאַרק און וואַרשאווער גאַס ה' שלום פּושטראָווסקי. דער צושלאָגענער האט געמאַכט אַנ'אַלאַרם און פערהאַלטען איינעם פון די שלעגער, וועלכען ער האט דערנאָך איבערגעגעבען דעם אָנגעקומענעם פּאָליציי-פונקציאָנאַר. דער פּאָליציאַנט האט בלויז אויסלעגי-טימירט דעם כוליגאַן און איהם צוריק בעפרייט.

די כוליגאַנישע מעשים האבען אַרויסגערופען צווישען דער יודישער בעפעלקערונג א גרויסע מהומה, אַזוי, אַז די יודען זענען במשך פון א גע-וויסער צייט געווען אויסבעהאַלטען אין די טויערען מורא-האבענדיג זיך צו בעווייזען אויף דער גאַס.

רעגיסטראַציע פון פאַכלייט אין טשענסטאָ-כאָוו און אין פּאָוויאַט

אויף די מויערען פון אונזער שטאָדט איז אָפּישירט א פעראָרדנונג וועגען דער אַלגעמיינער רעגיסטראַציע פון אינדוסטריע פאַכלייט, האַנדוועוקער און קאָמוניקאַציע, אַזעלכע, וואס געהערען צו פאַכען, וועלכע האבען א גרויסע בעדייטונג פאַר דער מלוכה-פערטיי'די-גונג.

די רעגיסטראַציע, וועלכע קומט פאָר אין טשענסטאָכאָוו פון 16 שעפּטעמבער ביז'ן 2 ווזשעשען און דאן אַלפאַבעטיש פון 2 ווזשעשען ביז'ן 7 פּאַזשדזיערניק אין לאָקאַל אויף שלאָנסקאַ 2 — אונ-טערליגען אלע קוואַליפיצירטע אַרביי-טער, גייסטיגע און פיזישע אין עלטער פון 17 ביז 60 יאָהר.

די רעגיסטראַציע אין פּאָוויאַט וועט פאָרקומען פון 21 שעפּטעמבער ביז'ן 7 טען פּאַזשדזיערניק אין די בעזונדערע גמינע-לאָקאַלען.

פערזאָנען, וואס מעלדען זיך צו דער רעגיסטראַציע זענען מחויב צוצו-שטעלען בעשייניגונגען וועגען געהערען צום פאַך. צום דאָזיגען צוועק זענען די אונטערנעהמונגען מחויב אויסצו-שטעלען זייערע אָנגעשטעלטע די גע-העריגע בעשייניגונגען מיט'ן אָנגעבען די פּראַפעסיאָנעלע קוואַליפיקאַציע און הויך פון די לוינען.

די פּלאַקאַטען וועגען דער רעגיסט-ראַציע -- וואס זענען שלעכט פער-שטאַנען געוואָרען — האבען אַרויסגע-רופען צווישען דער בעפעלקערונג א לעבהאַפטען אינטערעס און ווערען קאָמענטירט אויף פערשידענע אופנים.

עס איז דעריבער כדאי צוצוגעבען, אַז די רעגיסטראַציע איז א פּורל-יוצא דערפון, וואס ס'איז נישט פערהאַן קיין גענוגענדע ציפער פון דער צאָהל פאַכלייט אין פוילען.

עס איז שווער זיך צו אָריענטירען וואסערע געוועהר ס'פערלאַנגט מעהר געשולטע פאַכלייט צו דער ערגענזונג פון די רייהען און וועלכע ווייניגער. דאס אַדורכפיהרען די רעגיסטראַציע וועט פערלייכטערן די ראַציאָנעלע ענטוויקלונג פון פּראָפעסיאָנעלען שול-וועזען, ווי אויך דאס פּלאַנמעסיגע אָרגאַניזירען קורסען פאַר דערוואַקסענע און יוגענד, אויסער דעם וועט דער פאַך-רעגיסטער האבען א בעדייטונג פאַר די מלחמה ווירטשאַפטליכע בע-דערפעגישען פון דער מלוכה.

מאַסען-פאַלען פון גאַסטרישע קראַנקהייטען

די לעצטע צוויי וואָכען זענען נאָטירט געוואָרען פיעל פאַלען פון גאַסטרישע קראַנקהייטען. די השערות, אַז דאס זענען אַנשטעקענדע קראַנק-הייטען האבען זיך אַרויסגעוויזען פאַר אומבעגרינדעט.

לויט די פעסטשטעלונגען פון דער מאַפּגעבענדער מצבה פון דער עפענט-ליכער געזונדהייט זענען דאס פאַלען פון פער'סמונג מיט נישט-פרישע פּראָ-דוקטען אָדער פערקיהלונגען פון מאָגען און קישקעס. די פער'סמונגען זענען לייכטע, ווייל בעת די היצען קענען די שפּייז-אַרטיקלען שנעל קאַליע ווע-רען. די דערקיהלונגען קומען פון לאָ-דעס און וואַסער פון אייז אין גרעסע-רע דאָזען.

פערבאָט צו פאָטאָגראַפירען אויף דער יאַסנאַ-גורא

אויף דער יאַסנאַ-גורא איז אַרויס-געגעבען געוואָרען א פעראָרדנונג ווע-גען פערבאָט צו פאָטאָגראַפירען אויף דער יאַסנאַ-גורא.

וועגען דאָזיגען פערבאָט איז געוואַ-רען בעקאַנט געמאַכט דורך ספּעציעלע טאַוולען.

אין „וועגעציע" איז נישט קיין באַנק צו טוישען פויליש געלד

אין היגען „גאָניעץ" פון זונטאָג איז אָבגעדרוקט א בריעף פון א גע-וויסער אַננאַ גזשיבעק, וועלכער איז כאַראַקטעריסטיש אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פערשפּרייטער מהומה דורך אויסלענדישע אַגענטען אָרום דעם ענין קליינגעלד.

„דעם 11 ד. ח. בין איך אַריין אין דער צוקערניע „וועגעציא" אין דער צווייטער אַלעע, וואו איך האב פער-לאַנגט דריי פּאָרציעס לאָדעס. ווען כ'האב געוואָלט בעצאָהלען מיט א 20 זלאָטי-באַנקנאָט, האט מיר די פער-קויפערין געענטפערט מיט אַנ'אויפגע-רעגטער שטים, אַז ווען כ'וואָלט איהר פריהער געזאגט, אַז כ'וועל צאָהלען מיט א באַנקנאָט, וואָלט זי מיר קיין לאָדעס נישט פערקויפט.

„דערויף האב איך איהר געענט-פערט, אַז כ'בין אין א לאַנד, וואו ס'פיהלט זיך נישט קיין מאַנגעל פון געלד און אַנדערע אַרטיקלען, און נישט ביי היטלער'ן. די פרוי האט ענדליך גענומען דעם באַנקנאָט, וועל-כען זי האט כלומרשט אויסגעטוישט אַוש אין דער ערשטער אַלעע. צוריק-קומענדיג האט זי געשריגען, אַז אין טשענסטאָכאָוו פעהלט אויס קליינגעלד.

„אַנ'עלטערער מאַנספּערשוין, וועל-כער רעדט קוים פויליש האט אין א געגנוג-הויכען טאָן געטענה'ט, אַז ער האט נישט קיין באַנק, כדי צו טוישען געלד. דער דאָזיגער הער איז געוויס נישט קיין פּאָלאַק, משפּטענדיג לויט זיין אויסשפּראַך, אָבער ער דאַרף גע-דענקען, אַז אין פוילען מאַכט ער א פערמעגען.

„וועגען דער דאָזיגער פּאַסירונג האב איך געמאָלדען דער פּאָליציי".

דער קאַמף מיט דער געהיימער שחיטה

די טשענסטאָכאָווער שטאָדטישע מאַכט האט, טראָץ דער שטרענגער קאָנטראָל, געפינען בלויז אין משך פון איין חודש העכער 1550 קג. פלייש פון געהיימער שחיטה. א טייל פונ'ם דאָזיגען פלייש איז קאַליע געוואָרען און דעריבער איז עס אַרויסגעוואָרפען געוואָרען.

לעצטענס האבען די קאָנטראָלערען קאָנפיסקירט אין 5 יאַטקעס פלייש פון אומלעגאַלער שחיטה.

פון דער סטאַראָסטווע

דער היגער סטאַראָסטא וולאַדיסלאַוו ראַזמאַרינאָווסקי האט זיך צוריקגע-קעהרט פון אורלאָפ און צוריק איבער-גענומען זיין אַמט.

פון הצ"הר

שבת, דעם 12-טען דח. איז פאָרגע-קומען די אָרגאַניזיר-פערזאַמלונג פון רעוויזיאָניסטישען יוגענד-קלוב ביים הצ"הר. אין דער אַנוועזענהייט פון א גרויסער צאָהל בעזוכער איז געוואָרען אויסגעוועהלט א צייטווייליגע ועדה, וועלכע איז צוגעטרעטען צו אַנ'ענער-גישע טעטיגקייט. אויף דער פערזאַמ-לונג איז אַנוועזענד געווען דער מיטגליד פון צ. ק. ה' יוסף קלאַרמאַן.

פון ספּאָרט

שבת, דעם 19 ד.ח. אויפ'ן אייגענעם ספּאָרט-פּלאַץ פון „מכבי" קומט פאָר א אינטערעסאַנטער פוטבאָל-מעטש צווישען דעם שטאַרקען אַרבייטער-ספּאָרט-קלוב „ראַקוב" און „מכבי".

די פוטבאָל-מאַנשאַפט פון „מכבי" געפינט זיך איצט אין א זעהר גוטער פאָרם, דעריבער איז צו ערוואַרטען, אַז דער דאָזיגער מעטש וועט זיין זעהר אינטערעסאַנט. אָנהויב פּונקטליך 4.15 נאָכמיטאָג.

די שול-יוגענד פאַר'ן „פּאָן"

די קינדער פון די פּאָווששעכנע שולען האבען אונטערגענומען א זאַמלונג פון אַלטע מטבעות אויפ'ן „פּאָן". די דאָ-זיגע אַקציע האט געגעבען שעהנע רעזולטאַטען.

אין איינער פון די שולען האט די יוגענד צונויפגעזאַמעלט צירקאַ 6 קילאָ אַלטע ניקעל-מטבעות, 457 שטיק קו-פּערנע מטבעות, 36 זילבערנע. גלייכ-צייטיג ווערט אויך געפיהרט א געלד-זאַמלונג.

COLD CREAM
CÉDIB
IDEALNIE
OCZYSZCZA
NASKÓREK
Nasz instytut kosmetyczny „Cedib" Kilińskiego 14

ווילנער נייעס.

דער בית-החיים ווערט פערגרעסערט.

אַזוי ווי די אונטערהאַנדלונגען מיט דעם בעזיצער פון דעם נעבען-ליגענ-דען אַקער, האט נישט דערפיהרט צו קיין רעזולטאַט (ער האט זיך געהייסען געבען נישט מעהר ווי 10.000 זלאָטעס פאַר א מאָרגע אַקער אדער 2 זלאָטעס פאַר א קוואַדראַט-מעטער), איז די גמי-נע צוגעטרעטען אויסצוברייטערען דעם אייגענעם פּלאַץ אויף קרקעות.

עס זאָל זיין בלע מות לנצח ווערט צוגענומען דער פּלאַץ, וואס ליגט פאַר'ן בית החיים. עס ווערען אויסגעהאַקט אלע ביימער און אַרומגענומען מיט א פּאַרקאַן, טיילווייז געמויערט און טייל-ווייז האָלץ אויף אַנ'ערך 300 מעטער. לויט'ן פּלאַן האט דאס טהרה-הויז געדאַרפט אַרויסגערוקט צו ווערען אין פראָנט אַרויס, וואס ס'וואָלט געשאַפען א גרעסערען שטח און עס וואָלט גע-ווען מעהר בעקוועהמער.

אָבער די זאַך איז פערבינדען מיט קאָלאָסאַלע הוצאות, מיט וועלכע די גמינע וויל נישט, צוליעב דעם, וואס דער מקוה בוי פערלאַנגט א סך געלד, בעלעסטיגען די בעפעלקערונג. דער פּלאַן ווערט דעריבער נישט אַדורכגע-פיהרט און עס איז א גרויסער שאָד.

* * *

דער מקוה-איבערבוי האט זיך שוין אָנגעהויבען. עס זענען בעזייטיגט גע-וואָרען די לעצטע צוויי לאָקאָטאָרען, וועלכע האבען בעקומען ענטשעדיגונג.

אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון „לינת הצדק"

זונטאג איז פאָרגעקומען די אַלגע-מיינע יעהרליכע פערזאַמלונג פון „לינת הצדק".

די פערזאַמלונג עפענט פּרעזעס יעקב הערשבערג. עס נעמט איבער דעם פאָרזיץ בערל שמולעוויטש, דעם בייזיץ מאיר קליניעווסקי און אשר שמולעוויטש, סעקרעטאַר הענאך קרי-מאַלאָווסקי.

פאָרזיצענדער שמולעוויטש דער-מאָנט די קדושים פון ארץ-ישראל, וועלכע ער בעט צו בעעהרען מיט אויפשטעהן.

נאָכדעם ווי עס ווערט פאָרגעליינט דורכ'ן פערז. מיטגליד יחיאל יאָכי-מאָוויטש דעם פּראָטאָקאָל פון פערג. יאָהר נעמט דאס וואָרט צום טעטיג-קייטס-בעריכט פּרעזעס יעקב הירש-בערג.

דער בעריכטסגעבער בעלויכטעט די שוועריגקייטען מיט וועלכע די פערוואַלטונג האט געהאַט צו קעמפען. יעדאָך איז איהר געלונגען די טעטיג-קייט נאָך צו פערברייטערן און נאָכ-צוקומען דעם פערלאַנג פון די אָרימע קראַנקע.

וויזיטען צום דאָקטאָר זענען ער-טיילט געוואָרען 1739 דערונטער 157 אומזיסטע. פעלדשער וויזיטען — 705, אומזיסטע 263, רעצעפּטען 1909, אומזיסטע 158, אַנאַליזען 53, דענ-טיסט-וויזיטען 226, פערש. נאַשוויעס-לעניעס 973, אומזיסטע 234.

אין די דיסקוסיעס וועגען בעריכט נעמען אַנטייל די ה"ה: מאַגיסטער דאַווידאָוויטש, מאָסלאָ, הערשבערג, קושעפּיצקי.

דער קאַסע-בעריכט זעהט פאָר איינ-קונפטען 7,500 זל. די חובות זענען דאס יאהר פערקלענערט געוואָרען מיט 1000 זל.

עס ווערט פּראָטעסטירט געגען דעם וואס די גמינע האט ביזאָהער אויס-געצאָהלט ס"ה 45 זל.

אין נאָמען פון דער רעוויזיאָנס-קאָ-מיסיע (שמואל שאַיאָ, ב. פּורטונסקי) גיט אָב בעריכט וואָוע קושעפּיצקי, אַז אלס איז געמאַכט אין בעסטען אָרדנונג און שלאָגט פאָר אויסצודרי-קען די פערוואַלטונג אַבסאָלוטאָריום. דער פאָרשלאָג ווערט אָנגענומען.

עס ענטוויקעלט זיך דאַן א דיס-קוסיע, הויפּטזעכליך וועגען די צאָהל מיטגלידער אין די נייע פערוואַלטונג.

עס ווערט אָנגענומען דער פאָר-שלאָג פון 9 פערזאָן אין די פערוואַל-טונג, 9 פערטרעטער א'ן א קאָמיסיע פון 7.

אין די פערוואַלטונג געהען אַריין: יצקב הערשבערג, ל. שומאַנאָוויטש, הענאך קרימאַלאָווסקי, א. יאַקובאָוויטש, מאָסלאָ, שפּיגעל, שמואל לייב געל-באַרד, בערל שמולעוויטש, יחיאל יאָ-כימאָוויטש.

פערטרעטער: פישל שפּיראָ, וואָליצ-קי, דוד כלאַפּאַק, י. מ. פּאַנקאָווסקי, אשר שמולעוויטש, ראובן הערשבערג, סאַנדעל וואָלקאָוויטש, פּאַקולא, ב. אונגער.

פערטרעטער: האַמערשטיין, ש. לאַנ-דוי, לעווקאָוויטש, ברודער, גריזמאַן, וואָלקאָוויטש, א. ד. יאַקובאָוויטש. רעאויזיאָנס קאָמ.: שמואל שאיא, פּאָר-טונסקי, קושעפּיצקי.

7-io klasowa prywatna Szkoła Powszechna
Mag. T. Wajnberżanki
I-sza Aleja № 8

איז מודיע, אַז ס'ווערען אָנגענומען איינשרייבונגען אויפ'ן נייעם שול-יאָהר יעדען טאָג אין דער שול קאַנצעלאַריע פון 9 פריה ביז 12 מיטאג.

בעמערקונג: פון איצטיגען שול-יאָהר אָן ווערט איינגעפיהרט בעזונדערע קלאסען אויך, פאר שילער פון אנדערע שולען, פאר אלע **למודי היהדות** ווי: חומש, רש"י, נ"ך, משניות תלמוד, העברעאיש און יודישע געשיכטע דורך די בעסטע טשענסטאכאווער פעדאַגאָגען און למודי־תורה. די דאָזיגע למודים וועלען פארקומען יעדען טאָג אין די נאכמיטאג-שעה'ן.

א געפעהרליכער באַנדיט איז אומגעקומען בעת א פּאָליציייאישער אָבלאַווע

פערגאַנגענע נאַכט האט אין שכנות'דיגען קאָנראַדוב, טשענסטאכאווער פּאָוויאַט, א דורכגעהענדער פּאָליציייאישער פּאַטראָל זיך אָנגעטראָפען אויף א פערשוין, וועלכער האט דערזעהענדיג די גראַנאַטּ מונדירען, גענומען שנעל אַנטלויפען. די פּאָליציאַנטען האבען אונטערגענומען א גיעג נאכ'ן אַנטלויפענדען, וועלכער האט זיך בעהאלטען אין א שייער פון א פויער פונ'ם דערמאנטען דאָרף.

ווען די פּאָליציי האט זיך דערנעהנטערט צום בעהעלטעניש, האט דער פערשוין געעפענט א שיסעריי, צוליעב וואס די פּאָליציי איז געווען געצוואונגען צוצוטרעטען צו א בעלעגערונג, מודיע זייענדיג דערוועגען אויך די היגע פּאָליצייאישע מאכט.

אויפ'ן אָרט איז גלייך אָראָבגעקומען דער פערטרעטער פון פּאָוויאַטאָווע קאָמענדאַנט, לייטנאַנט פון דער אויספאָרשונגס פּאליציי קאָמיסאַר קאָסטירקאָ אין דער געזעלשאַפט פון קאָמיסאַר טומילאָוויטש.

ס'האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער בעלאַגערטער איז דער לאַנג געזוכטער 34 יעהריגער סטעפאַן סטרוסקי פון קאָנראַדוב, אַנ'איינברעכער און קאַסע-ברעכער, וועלכער איז שוין פיעל מאל געווען בעשטראָפט פאר פערשידענע פערברעכענס, לעצטענס איז ער ארויס פון תפיסה דעם 23 אַפּריל און אויסגעפיהרט דעם דרייסטען אָנפאַל און קאַסע איינברוך אין זשאַרקי.

אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין לעצטען פערברעך, זענען נאָך איהם ארויסגעשיקט געוואָרען שטעק בריעף.

די בעלאַגערונג האט געדויערט ביז פּאַרטאַגס ביים געגענזייטיגען אויסבויש פון קוילען. פּאַרטאַגס, ווען נאָך א לענגערע פויזע אין דער שיסעריי, איז פון שייער געפאלען א שאָס, האט די פּאָליציי געעפענט מיט א שיסעריי און צוגעלאָזט א שטורם צום שייער. די פּאָליציי האט אָבער דאָרט שוין געפונען סטרוסקי'ס טויטען קערפער. דער באַנדיט האט זיך אליין אריינגעשאָסען א קויל אין דער שלייף.

אורלאָפּען אין די געריכטען

דער פּאָרזיצענדער פון דער טשענסטאכאווער אויסערשטאָטישער אָבטיילונג פון קרייז געריכט אין פּיעטרקאָוו, וויצע פּרעזעס פון קרייז-געריכט אַנטאָני קעלער איז אַוועק אויף אורלאָפּ. עס פערטרעט איהם דער וויצע-פּרעזעס פון קרייז-געריכט סטאַניסלאוו ווישניעווסקי.

מיט איניגע טעג צוריק האט זיך צוריקגעקעהרט פון אורלאָפּ און איבערגענומען די אַמטירונג דער לייטער פון דער אָרטיגער פּראָקוראַטור וויצע-פּראָקוראָר זיגמונט וואָלעצקי. ס'האט זיך אויך צוריקגעקעהרט פון אורלאָפּ פּאַדפּראָקוראָר וואַינשטשאוסקי. דאַגעגען האבען אָנגעהויבען דעם אורלאָפּ וויצע-פּראקוראָר יאַזשעמבינסקי און פּאָד-פּראקוראָר קאָס.

צוליעב דעם נישט בעגרייטענדען געזונד-צושטאַנד האט בעקומען א לענגערען געזונדהייטס אורלאָפּ דער נאַטשעלניק פון שטאָדטישען געריכט אין טשענסטאָכאָוו קרייז-ריכטער זיגמונט טושטשינסקי. עס פערטרעט איהם דער שטאָדטישער ריכטער אַנטאָני קאָזשעלעווסקי.

צו דער אויפמערקזאַמקייט פון די הויז-בעזיצער

די הויז-בעזיצער קענען שוין בעקומען אין דער שטאָדטישער ביי-אינספּעקציע פּראָיעקטען פון שוץ-קאַמערען (סכראָנעס). אין דער נאָהנסטער צוקונפט ערוואַרט מען אַן'אַלגעמיינע פערארדנונג, אין וועלכער ס'זאָלען זיין בעשטימט די טערמינען פון בויען די שוץ קאַמערען. די הויז בעזיצער קענען אָבער, נישט וואַרטענדיג אויף דער דאָזיגער פעראָרדנונג צוטרעטען צו בויען די שוץ קאַמערען. א פּאָדבעדינג ביים בויען, איז דאס בעשטעטיגען דורך דער בוי אינספּעקציע דעם סיטואַציע פּלאַן פון פּראָיעקטירטען סכראָן.

דאס פריהצייטיגע בויען די שוץ-קאַמערען ליגט אין אינטערעס פון די הויז-בעזיצער, ווייל מיט'ן מאָמענט פון פערעפענטליכען די פעראָרדנונג וועלען צוזאַגנגס-בוי פון די שוץ-קאַמערען, וועלען די אַרבייטס - קאָסטען שטאַרק שטייגען.

אַנ'אויטאָ פערוואונדעט א ראָווע-ריסט

אונטער'ן דאָרף ווישבאָ האט אַנ'אויטאָ פערטשעפּעט א פאָהרענדען אויף א ראָווער דעם 22 יעהריגען וולאַדיסלאוו שמילקא, וועלכער איז שווער פערוואונדעט געוואָרען אין קאָפּ.

פערזענליכעס

זייט איניגע טעג וויילט אין טשענסטאָכאָוו ה' ישעיהו דאַווידאָוויטש פון תל-אביב. ה' דאַווידאָוויטש איז אין תל-אביב סעקרעטאַר פון דער גרעסטער מעכאַנישער שיך פאַבריק „כתר" אין ארץ-ישראל. קיין פוילען איז ער איצט געקומען אין האַנדעלס-ענינים. ה' דאַווידאָוויטש איז אונזערס א בן-עיר און איז ארויס פון טשענסטאָכאָוו מיט אַנ'ערך צוואַנציג יאָהר צוריק. ביי אונז אין שטאָדט איז ער געווען איינער פון די גרינדער פון יודישען טורן און ספּאָרט-פעראיין, דעם היינטיגען „מכבי". אויך אין תל-אביב פערנעמט ער אַנ'אָנגעזעהענעם פּלאַץ אין דער געזעלשאַפט.

דער האַגעל פערוואונדעט מענשען

פערגאַנגענעם זונטאָג איז אין אָל-שטין געפאַלען א גרויסער האָגעל, וועלכער האט פערוואונדעט דרייזאַק-סעגע מענשען, הויפּטזעכליך האבען אָבער געליטען קינדער, וועלכע זענען ארויס מיט וואונדען און בלויע צייכנס.

אין דאָרף זענען אויסגעהאַקט געוואָרען פיעל שויבען.

1 חודש תפיסה בעקומען אַנ'אַרעסטאַנט פאַר פּרובען צו אַנטלויפען

דער 20 יעהריגער יוזעף סטאַניסלאוו שעדלעצקי איז דעם 8-טען דעצעמבער פ. י. געפיהרט געוואָרען אונטער א פּאָליצייאישער וואַך אין דער תפיסה אריין אויף זאַוואַדזיע. אויף דער מיראָווסקאַ גאַס האט ער געפּרובט צו אַנטלויפען. שעדלעצקי איז אָבער געוואָרען פערהאַלטען און אָבגעפיהרט אין דער תפיסה.

דאס קרייז געריכט האט איהם דערפאַר פערמשפּט אויף 1 חודש אַרעסט.

צוריקקעהר פון היטלעריסטישען „גן - עדן"

די גרעניץ-וואַך אין גליניץ האט פערהאַלטען פאַר נישט-לעגאַל אריבער-געהן די „גרינע גרעניץ" דאס פּאָר-פאַלק פּיאָטר און יוזעפא האדרישעוויטש פון קאָווקי, טשענסטאכאווער פּאָוויאַט, וועלכע האבען אין מאי אויף א נישט-לעגאַלען אופן עמיגרירט קיין דייטשלאַנד. נאָכדעם ווי זיי האבען זיך איבערצייגט וועגען דעם וואוילשטאַנד אין היטלער'ס „גן עדן", האבען זיי זיך נישט אָבגעשראָקען פאר דער תפיסה, נאָר זיך צוריקגעקעהרט קיין פוילען.

ר' משה חיינבוים ז"ל

אין טיפען עלטער פון 86 יאהר איז נעכטען געקומען צו קבורה דער היגער תושב אָנגעזעהענער בעל הבית און לאַנגיעהריגער טשענסטאָכובער הויז-אייגענטימער ר' משה חיינבוים ז"ל.

דער נפטר איז געווען א' יוד, א חסיד, איז געזעסען יומם ולילה און געלערנט און האט אויך אונטערשטיצט לומדי תורה.

אין דער צוואה, וועלכע דער נפטר האט איבערגעלאָזט איז צווישען אַנדערס אויך פערשריבען א גרעסערע סומע אויף מחזיקי-הדת, וואס וועט געבען די מעגליכקייט דער אינסטי-טוציע אָביסעל לייכטער אָבצואָטעמען.

דאס בעווייזט, אז דער נפטר האט געהאַט פערשטענדניש פאַר די יסודי התורה.

אין דער לויה האט זיך בעטייליגט א גרויסער עולם מלווים און נאכגע-זאגט דעם נפטר גוטע שבחים.

ת.נ.צ.ב.ה.

1000 פערזאָן געפינען בעשעפטי-גונג ביי דער אָרדנונגס-אַקציע

אַנ'ערך 1000 פערזאָן האבען בעקומען בעשעפטיגונג אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן איבערבויען די פּלויטען, צושטאַרען די מויערען, פּינקעווען די הייזער און אַספאַלטירען די הויפען.

די פעראָרדנונג פון צוגרייטען געגען-לופט גרובענס וועט אויך ערטיילען בעשעפטיגונג א בעדייטענדען טייל אַרבייטסלאָזע.

צוערשט אויסגעמיטען און נאָכהער געכאַפּט צוליעב אונפאָרזיכטיגקייט א קויל

אויף א „זאַבאַווע" אין דאָרף זאַלענטשע האט אַנ'אַוואַנטוריסט געוואָלט מאכען געברויך פון א רעוואָלווער. מען האט איהם דעם רעוואָלווער ארויסגעריסען.

וועלענדיג אויסלאָדעווען אין א פּריוואַט וואוינונג דעם רעוואָלווער, האט דער רעוואָלווער אויסגעשאָסען און די קויל האט געטראָפען אין בויך אריין דעם 23-יעהריגען וולאדיסלאוו זאָלענסקי, וועלכער איז אין א שווערען צושטאַנד געבראַנגט געוואָרען אין שפּיטאָל אריין.

א שטערבליכער קאַפּ אין בויך

אין שפּיטאָל איז געבראַכט געוואָרען דער 50 יעהריגער יוזעף שווימאַלאַ פון רודניק, וועלכער האט בעקומען א קאַפּ פון אַנ'1 יעהריג פערדיל אין בויך. פון דעם קאַפּ זענען איהם די קישקעס געפּלאַצט.

טראָץ דער באַלדיגער אָפּעראַציע איז דער פויער קורץ דערנאָך געשטאָרבען.

דערהרגעט פאַר אָבזאָגען צו שפּילען אויף דער האַרמאָניע

סטאַניסלאוו כאָוואַנסקי האט אויף דער גאַס געטראָפען דעם 17 יעהריגען מוזיקאַנט פּאַוולוק און פערלאַנגט, אז דער לעצטער זאָל שפּילען פאַר איהם אויף דער האַרמאָניע ווען פּאַוולוק האט אָבגעזאָגט אויסצופיהרען דעם פערלאַנג, האט כאָוואַלסקי איהם דער-הרגעט אויפ'ן אָרט.

די פּאָליצייאישע אינטערווענץ האט אָבגעראַטעוועט דעם מערדער פון א זעלבסטגעריכט פון די דורכגעהער. כאָוואַנסקי איז געוואָרען אַרעסטירט.

קאָנפיסקירט פלייש פון געהיימער שחיטה

די קאָנטראָלערען פון שטאָדטישען שעכט הויז האבען קאָנפיסקירט 50 קילאָ חזיר-פלייש, וואס שטאַמט פון געהיימער שחיטה ביי סטעפאַן יאַס-טושעמבסקי, 134 קילאָ קאַלב-פלייש ביי אברהם האבערמאַן, סענאַטאָרסקאַ 22, 34 קילאָ חזיר-פלייש ביי מאריא ה. אויף נאַרוטאָוויטשא 161 און ביי אַנטאָני פּלאַסקי אויף שוו. באַרבאַרי 32.

צוריק בעקומען געגנבעטע זאַכען

אין דער וואוינונג פון מאַריאַ פּלעבאַנעק אין ראַקאָוו האבען גנבים אין דער נאַכט אויפ'ן 14 טען ד. ח. צוגע-גנבעט בעטגעוואַנד און קליידונג אין דער ווערט פון 200 זל.

די פּאָליציי האט פעסטגעשטעלט, אז די גנבה האבען אויסגעפיהרט יוזעף גאָיעווסקי, סטעפאַן מאַלאַגאָווסקי און יאַן דזשעסקי, ביי וועלכע די געגנבעטע זאַכען זענען אויך אָבגענומען געוואָרען און צוריק אומגעקעהרט געוואָרען צו דער בעל'עולה'טער.

עפענטליכע וואָרנונג!

איך וואָרען צום לעצטען מאָל דעם ה' מאיר גוטמאַן (פון בענדין, קאָלאָנטאַיאַ נר. 32), וועלכער וואוינט לעצטענס, ביי זיין שווער, דעם מיהל-אייגענטימער ה' הענעך עפּשטיין, וואַרשאָווער גאַס 123, אז ער זאָל מיר ביז דינסטאָג, דעם 22 ד. ח. צוריקגעבען די 50 זל. האַנד-געלד, וואס ער האט בעקומען מיט עטליכע חדשים צוריק אויף בלעך און ביז'ן היינטיגען טאָג, טראָץ די פיעלמאָליגע אויפפאָדערונגען, נישט געליפערט קיין סחורה און נישט אָבגעגעבען דאָס האַנד-געלד.

נאָך דעם טערמין וועל איך זיין געצווינגען די דאָזיגע עפערע איבער-צוגעבען דער פּראָקוראַטור.

מיט אַכטונג: **מ. י. קויפמאַן.**

פאַרבערייי און כעמישע וועשעריי
„BENETA"

פאַבריק און קאַנטאָר: ב. יאָסעלעוויטשאַ 11

פּיליע 2-טע אַלעע 16 (הויז פון ה' אימיך)

12 גר. מענער - קראַגענס ווערען ווייטער געוואַשען מיט דויערהאַפטען שפּיגעל-גלאַנץ צום פּרייז

ספּעציאַליטעט:

1) אויפפרישען (פאַרבען) לעדערנע קורטקעס, 2) פאַרבען לויט מוסטערן, 3) דעקאַטירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויפ'ן אָרט), 4) כעמישריניגען און פאַסאָנירען קאַפּעלושן.

די אַרבייט ווערט אויסגעפיהרט אונטער דער לייטונג פון אַנ'אָבסאָלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע שולע אין וואַרשא מיט לאַנגיעהריגער פּראַקטיק

נדבות אין רעד. פאַר „תומכי-עניים"

פּראַניאַ נאָכטיגאַל צוליב'ן געזונד ווערען 8 קילאָ ברויט.

Dr. L. ŁUŃSKI
Aleja 31

פרויען - קראַנקהייטען און אַקושעריע

נעמט אָן פון 8.30-10.30 און פון 4-7.

2-טע אַלעע 31 №

טעלעפאָן 17-84.

א פראַנצויזישער קאָסמעטיק-ספּעציאַליסט
פאָרטיילט די ווייטערדיגע פאָרטפולע אַנווייזונגען

אויפ'ן געביט פון פּודער-שאַטירונגען — איז פּונקט אַזוי ווי אויפ'ן געביט פון קאַפּעלושען און קליידער - פּאַריז דיקטירט די מאָדע! דעריבער זענען טאַקי די נייע בעצויבערענדע ניואַנסען פון פּודער Tokalon פּרעפּאַרירט געוואָרען דורך אַנ'אָנגעזעהענעם פראַנצויזישען קאָסמעטיק-ספּעציאַליסט

• **Pêche** — א וואונדער-שעהנער, וואַרעמער ניואַנס פון בליהענדע פּושאַסקוויטע — דער לעצטער מאָדע-געשריי פאַר בלאָנדינקעס.

• **Ocre Nr. 2** — א ענטציקענדער ניואַנס פאַר ברונעטקאַס, אויף בייטאָג אַזוי גוט ווי אויף ביינאַכט.

די לעצטע מאָדערנסטע ניואַנסען זענען אָרעפּגעבראַכט געוואָרען קיין אייראָפּאַ דורך אונזער פּאַריזער קאָסמעטיק ספּעציאַליסט. בעקומען קאָן מען זיי נאָר אין דער רייכער קאָלעקציע פּודער Tokalon, וועלכער ווערט אויסגעאַרבייט לויט דער אָריגינעלער פראַנצויזישער פאָרשריפט פון בעריהמטען פּאַריזער פּודער Tokalon. עס זענען פאַראַן נאָך אַכט וואונדערשעהנע ניואַנסען, אויסגעצייכנעט לעבעדיגע און שטראַהלענדע א דאַנק דער קרעם-פּיאַנקע, מיט וועלכער דער פּודער Tokalon איז געמישט. דעריבער בעקומט א גלאַנץ און א נייע נאַטירליכע קאָליר אַפילו די טונקעלסטע און די אָממיינסטע קאָלירלאָזע הויט. פּודער ביים פערקריכט די גאַנצע גאַנצע בעצויבערענדע שאַטירונגען פון פּודער Tokalon.

Kino „LUNA"

נאָך א גרונדליכען רעמאַנט-פּרעמיערע!

MOJA PANNA MAMA

היילונג פון אלע זאָרגען און דאגות.

אין דער טיטעל ראָל:

Danielle Darrieux

ערלויבט פאַר יוגענד פון 18 יאָהר אָן.

KINO „EDEN".

די לאַנג-נישט געזעהענע אַלעמענס ליבלינג

שירליי טעמפּל

אין איהר נייעסטען פילם

Mała Miss Bradway

איבערלעבונגען פון אַנ'אַראָפּטירטער יתומה.

פאַר יוגענד ערלויבט.

Kino STYLOWY
Aleja 27.

די גרעסטע סענסאַציע!

Miodowy miesiąc Panny Franciszki

אין דער הויפּט-ראָל:

פראַנטשישקאַ גאַאַל